מען ניט, ווייל די „מאַפּ"י איז די מאַיאָריטעט. שעלטן, קריטיקירן קען מען ניט, מ'איז דאָך אין דער קאָאַליציע; אָבער מ'לעבט מיט האָפענונג, אַזוי ווי די צייט צו די וואַלן צו דער כנסת איז נאָהענט, וועט מען זיך באַלד נעמען צו קריטיקירן און אַרונטעררייסן די רעגירונג; און דעמאָלט וועט מען שוין שרייען אויף אַלע כלים, און ס'וועט זיין חי־געלעבט.

* * *

אונזער „ביוראָ אָוו עדיוקיישאָן" מיט איר עדיוקיישאַנאַל דירעקטאָר שלאָגן זיך אַרויס פון די כוחות צו מאַכן אַ גוטן „דזשאָב", און צייטנווייז גייט זיך איין; אָבער אַלע טאָג איז דאָ נייע פּראָבלעמען — אַ קלייניקייט, צו האַנדלען מיט מענטשן, וועלכער יעדער איינער ווייסט אַז ער ווייסט בעסער פון דעם צווייטן. דער ראַביי פילט אַז ער האָט אַ רעכט צו זאָגן אַז ער ווייסט מער פון דעם לערער; דער לערער זאָגט אַז ער ווייסט מער פון דעם פּרינציפּאַל; דער פּרינציפּאַל זאָגט אַז ער ווייסט אין פּעדאַגאָגיע מער פון די ראַביים; און אַלע צוזאַמען זאָגן, אַז זיי ווייסן בעסער פון דעם עקזעקוטיוו דירעקטאָר; און אויב צייטנווייז געבן אַלע צו אַז די „ביוראָ" טוט צייטנווייז גוטע אַרבעט, איז דאָס באמת אַ נס מן השמים. אָבער, ווי זאָגט זיך, ס'באַוועגט זיך פאָרט, און ס'איז קיין ספק, אַז סוף כל סוף וועט די „ביוראָ" ברענגען דעם נוצן און דערפאָלג וועלכן מ'האָט אַ רעכט צו דערוואַרטן.

* * *

זעהסטו, אונזער חוג עברי מאַכט יאָ פּראָגרעס; אפשר ניט אַזוי פיל ווי מ'האָט אַ רעכט צו דערוואַרטן, ווייל אפילו העברייאיסטן זיינען איינגעטיילט (אפילו געגן דער לאָגיק) אין די „קעסטס" און „אַנטאַטשעבלס" — מיט דעם ווייל מען זיך ניט באַגעגענען, און מיט דעם לוינט זיך ניט צו באַגעגענען — איינער איז ניט פרום גענוג, אַ צווייטער צו פרום; איינער קען ניט גענוג, אַ צווייטער קען צופיל, לוינט זיך אוודאי ניט; אָבער אין סך הכל האָט ער געמאַכט פּראָגרעס — גוט־באַזוכטע מיטינגען, מיט אינטערעסאַנטע רעפעראַטן, און וויכטיקע רעדעס איבער פראַגן מענינא דיומא. דאָס צוזאַמענברענגען מענטשן מיט פאַרשידענע אַנשויאונגען, האָט שוין דער חוג דערגרייכט דעם צוועק צוליב וועלכן ער איז געגרינדעט געוואָרן, ווייל ס'איז באַוויזן געוואָרן, אַז „עברית" הוא השפה המאחדת אותנו.

* * *

צי דו וועסט זיין צופרידן פון מיין היינטיקן בריוו, דאָס לאָז איך איבער פאַר דיר צו באַשליסן.

להתראות, מיט געזונט,

דיין פריינט, **ב. אַלטער**


**FAINS**

126 NORTH MAIN STREET

PROVIENCE, R. I.

*COMPLIMENTS*

*of*

**A. WIMPFHEIMER & BRO. INC.**

**AMERICAN VELVET CO.**

*Compliments of*

**GENERAL FIBRE BOX CO.**

(Subsidiary of Longview Fibre Co.)

SPRINGFIELD, MASS.

Phone PResident 4-4161

**HENRY TRAUMÜLLER**

Metal Stamping

«»

**1786-1788 Bergen Street** **Brooklyn 33, N. Y.**

*Compliments of*

Mr. and Mrs. CHARLES LAPPIN

*Compliments of*

**ASHER & BORETZ INC.**

900 BROADWAY NEW YORK, N. Y.

# ∴ א בריוו צו א פריינט ∴

ליבער פריינט :

נאך אמאל וועט אינגיכן דער ליבער יום טוב פסח זיין בא אונז צו גאסט. נו, וועלן מיר האבן נאכאמאל א פסח-בלאט; האב איך ווידער אמאל די געלעגנהייט דיר צו ענטפערן אויף דיינע פראגן, אויף וועלכע דו זוכסט א ענטפער. און, ווי שטענדיק, וועט דער ענטפער מוזן זיין בקיצור, ווייל ס'איז ניטא קיין גענוג פלאץ פאר לאנגע בריוו, און נאך ווייניקער צייט צו שרייבן זיי.

און ווי שטענדיק, וועלן מיר אנהויבן מיט אונזער ארטאדאקסיע.

דו ווילסט וויסן וואס ס'האט זיך אפגעטון בא אונזערע ארטאדאקסישע אינסטיטוציעס דאס לעצטע יאר?

אויב די פראגע איז וועגן פרנסה, איז ברוך-השם. דו ווייסט דאך, אז צום באדויערן איז דער „בלע המות לנצח" נאך ניט מקוים געווארן. נו, מאכט דער חסד-של-אמת ניט קיין שלעכטע געשעפטן; אפילו אונזערע אחטאדאקסישע שולן בענעפיטירן פון דעם, ווייל ווען ניט די קדיש-זאגער, וואלט אין א סך ארטאדאקסישע שולן אינדערוואכן קיין מנין ניט געווען. שטעל דיך פאר, אז פון 14 מתפללים זיינען געווען ניט ווייניקער ווי 11 קדיש-זאגער צום דאווגען.

נו, די ועד הכשרות געשעפטן גייען געוויס גוט. האסט דאך געוויס געהערט, דער ועד הכשרות האט היינט-צו-טאג א נייעם דעפארטמענט — ער איז אריין אין די „פיש ביזנעס" — איז ברוך השם דא א נייער איינקונפט, פאר וועלכן מ'דארף אפילו קיין שוחטים ניט צאלן, ס'איז כמעט כולו ריוח. דו ווייסט דאך ווי אזוי ביזנעס געהט היינט צו טאג — די ווײדזשעס עסן אויף דעם פראפיט — און דא האט דער רבונו-של-עולם צוגעשיקט א ביזנעס וואו מ'דארף קיין ווײדזשעס צו שוחטים ניט צאלן; וואס-זשע קען זיין שלעכט, פרעג איך דיר.

זעהסטו, דאס גייסטיקע לעבן איז שוין גארניט אזוי אי-אי . . . ווען ניט די „היברו דעי סקול" וואלט גאר געווען צרה'דיק. שטעל דיך פאר, 10 ארטאדאקסישע שולן און ניט מער ווי 237 קינדער (אויפן פאפיר) קריגן א אידישע דערציהונג; און אין דעם זיינען שוין אריינגערעכנט 117 קינדער פון דער „דעי" סקול. דאס יא, ס'ווילט זיך האפן, אז די פאראייניקייט אין סאוט-פראווידענס פון אלע שולן וועט זארגן וועגן „חינוך", ווייל פלאץ פאר א ריכטיקער תלמוד-תורה איז דא, און קינדער זיינען אויך דא ברוך השם. נאך מער, ס'ווילט זיך האפן, אז די הוצאות פאר א תלמוד-תורה וועלן ווערן א טייל פון דעם „בודזשעט".

*    *    *

בא אונזערע טעמפלען איז נאך אלץ ששון ושמחה. דו געדענקסט געוויס, אז איי‍ניקע האבן נביאות געזאגט (פאלשע נביאים האבן מיר גענוג), אז אזוי גיך ווי טעמפל בית-אל וועט דערעפנט ווערן אויף דער איסט-סייד, וועט דאס ווערן א גרויסע קאנקורענץ צו טעמפל עמנואל, און דער „אטענדענס רעקארד" וועט שטארק פאלן אין אטענדענס. אבער ווערליג ס'ווייזט זיך, איז דא גענוג אידן פאר ביידע טעמפלען, זיי זאלן נאר וועלן. פארשטייט זיך, אז מ'דארף אביסל „סקימען", אבער ווערליק ס'ווייזט זיך, באצאלט זיך די ארבעט; אלוואי אויף אונזערע ארטאדאקסישע שולן געזאגט געווארן.

*    *    *

אונזער „בראדערהוד" ביזנעס איז ניט אזוי גלענצענד ווי איי‍ניקע וואלטן געוואלט. בא די אונטערנעמונגען איז נאך אלץ א 75 און 25 פראצענט ביזנעס; און ווי געווײנלעך, 75 פראצענט אידן און 25 פראצענט ניט אידן, וועלכע זיינען זיך משמח „בראדערהוד-וואך". און ווארום זאל זיך די וואך פון בראדערהוד „פאטערס-דעי", דארף מען אפשר זיין צופרידן מיט דעם פראגרעס „משטיינס-געזאגט" וואס איז געמאכט געווארן בא די בראדערהודס.

*    *    *

זעסטו, די „קווין" אסתר ביזנעס האט זיך פארגרעסערט. מיר האבן היינט אין אונזער געגענד צוויי „קווין" אסתרס — איינע איז געקרוינט געווארן בא דעם היגן „דזשואיש קאמיוניטי סענטער"; און די צווייטע, בא דעם קרענסטאן „דזשואיש-קאמיוניטי-סענטער", וועלכעס איז כמעט פראווידענס. ווי מ'זאגט, וויל די קרענסטאנער זיין „נאמבער וואן", ווייל זי האט געהאט די „בלעסינג" פון דעם ראביי; צי פראווידענס וועט דאס דערלאזן איז א פראגע, ס'קען שאטן צום היגן „פרעסטידזש", און וואס טוט מען ניט היינטיקע צייטן פאר אביסעלע כבוד? בפרט, ווי מ'זאגט, איז דאס א סגולה צייטנווייז צו קריגן א „מלך".

*    *    *

בא אונזערע פרויען ארגאניזאציעס איז לעבעדיק און פרייליך. צו וואס מ'רירט זיך צו, איז מזל און ברכה. די אונטערנעמונג פון מרים האספיטאל „האום פאר אידזשעד" (מושב זקנים), איז א גרויסער פינאנציעלער און מאראלער דערפאלג און עס שטערט ניט די פרויען פיאנערן בני-ברית אנצוגיין מיט זייער ארבעט אויף א גרויסן מאסשטאב און שאפן געוויסע סומען — מזרחי פרויען, די אלע קאנסאמפטיוו אסא., דער קאונסיל אף דזשואיש ווימען — וואס א יאר, מער און מער. פון די אלערליי סיסטערהודס איז דאך אפגערעדט, אן זיי וואלטן די טעמפלען מכל המינים ניט געווען אזוי דערפאלגריך ווי זיי זיינען. אפילו די ארטאדאקסישע סיסטערהודס (ניטא מער קיין אקזילערים) זיינען א דערפאלג.

*    *    *

געדענקסט געוויס וואס איך האב לעצטן יאר געשריבן וועגן דעם נייעם טעמפל בית-אל, וועלכעס האט זיך געבויט. נו, ס'האט איבערגעשטיגן די גרעסטע אפטימיסטישע דערווארטונגען — ס'איז באמת א „מקדש מעט", מיט אלעם וואס איז נויטיק — סקול-חדרים מיט אלע באקוועמלעכקייטן, א בית-המדרש (טשאפל), א וואונדערבארע שענע ביבליאטעק מיט עטלעכע טויזנט ביכער, אויף ענגליש, העברייאיש, אידיש. דאס טעמפל איז די ארכיטעקטור מאדערניסטיש, דעקארירט ארטיסטיש; די בילדינג קאמיטע, דער ארכיטעקטאר, מיט ראביי וויליאם בראודי, האבן פון „חומר און לבנים" געמאכט וואס איז שעהן פארן אויג, איצט איז נאך דא א וויכטיקע ארבעט — און טאקע אפשר די וויכטיקסטע — און דאס איז, אנצופילן דעם גרויסן חלל ברוח (מיט גייסט); נאר אזוי ווי ראביי בראודי קען מיט רעכט זאגן: „אין לך הבר שעומד בפני הרצון", זאגן מיר אים די טראדיציאנעלע ברכה: ר' יצליח דרכך".

*    *    *

בא אונזערע לינקע? באמת א גרויס רחמנות אויף זיי; אויב איינער לייענט נאך אמאל די „פרייהייט" וויקלט ער זי איין אין א „פארווערטס". ווענקיער מיטינגן, ווענקיער זיך ווארפן אין די אויגן, איז בא זיי די פאליסי. פארשטייט זיך, אז אלעס וואס עס ווערט געטון אין די הויכע פענסטער, איז דאס בעסטע, ווייל אזוי האט געוואלט לענין און סטאלין. ס'איז בא איי‍ניקע שווער זיך צו צופאסן צו די שנעלע ענדערונגען; זיי האבן ערשט געהאט א שווערן דזשאב זיך אויסצולערנען שעלטן, זידלען בעריין און שרייען הוריי פאר מאלענקאוו'ן, און דא אזא אומגליק! מאלענקאוו איז שוין אויך אויף דעם וועג פון ווערן א שוכן-עפר. זיי ווייסן פון דעם אלטן כלל, „אם החילותה לנפול, נפול תפול", אבער דערווייל מוז מען זיך האלטן סטאטעטשנע, און אפילו „פארעטער" קען זי אים ניט רופן, חאטש זיי ווייסן פון דער פראקטיק, אז זיין צייט איז א געשענקטע, און די פאליסי איז שטענדיק ניט צו שיינקען קיין לאנגע יאר.

*    *    *

אונזער פאַרברענגען אין חיפה, וואו מיר האָבן געהאַט די פריינדשאַפט און חברשאַפט פון דעם מעיאָר פון חיפה, חבר אבא חושי, צו זעהן דעם הר הכרמל באַטאָג און נאָך מער אין אָוונט, דער באַזוך באַ די „דרוזען" און די אויפנאַמע, די אָפיציעלע אויפנאַמע אין „סריה", דאָס איבערגעבן אַ סערטיפיקאַט צו אונזער ליבן גרויסן שרייבער, דוד פינסקי, צו זיין דער גאַסט באַ חבר און חברה אבא חושי אין זייער היים, און אויך באַ פינסקין, אויסערגעוויינלעכס פרוי חושי ווענן זייער אַרבעט דורך די יאָרן פון מלחמה און דאָס פאַרזעצונג פון זייער אַרבעט אויף אַ וואונדערבאַרן שיינעם פאָלקסטימלעכן וועג, וועלכעס איז באמת געווען צו באַוואונדערן, האָט מען שוין געקענט זאָגן צווי מאָל „דינו".

די אויפנאַמע אין דער הסתדרות־הויז אין חיפה, די רעדע און, נאָך מער, די דערקלערונג פון דעם סעקרעטאַר, חבר אלמוגי, צו זיין די געסט פון דער שיף קא. ירושלים צו אַ לאַנטשען, אַרומגערינגלט מיט אַ קאַפּיטאַן און אידישע אָפיצערן רעדנדיק העברייאיש (חבר רעזניק האָט באַגריסט אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע), טרינקען אַ „טאָסט" צו מדינת ישראל, איז שוין דריי מאָל „דינו" ניט גענוג.

די אויפנאַמע אין ירושלים פון דער הסתדרות (וועלכע איז געענטפערט געוואָרן פון חברה בוימאַן), דער באַזוך אין דער אידישער אגענטור און אויפגענומען געוואָרן פון חבר משה סול, נאָך דעם אין אידישן נאַציאָנאַל פאָנד אָפיס, באַטראַכטן די גרויסע ביכער, וועלכע הייסן „גאָלדענע נאַציאָנאַל פאָנד ביכער", דער שפּאַציר צו הערצל'ס קבר און לעגן אַ קראַנץ בלומען, און אויך אַ קראַנץ בלומען אויף אליעזר קאַפּלאַן'ס קבר, וועלכע זיינען באַגלייט געוואָרן מיט אַ רעדע פון אַ חבר און אַ חברה, דאָס שטעהן מיט נעבויגענע קעפּ באַ די קברים פון די חיילים (סאָלדאַטן) אויף דעם מיליטערישן בית־הקברות, און דאָס ענדיקן זיך פון דעם טאָג בכי־טוב מיט אַ אויפנאַמע אין אָוונט פון דער וויצע פון כנסת, נו, איז ניט „דינו"?

* * *

### אויף דעם צווייטן טאָג אין ירושלים קען מען זאָגן „יום שכלו טוב"

אָנהויבנדיק מיט אַ וויזיט אין העברייאישן אוניווערזיטעט, מיט אַ דערקלערונג פון איינעם פון די פּראָפעסאָרן, דערנאָך אויפגענומען געוואָרן פון אַרבעטס־מיניסטער גאָלדע מאיערסאָן (אונזער גאָלדע), אויסהערנדיק זי רעדן וועגן איר אַרבעט אַ האַלבע שעה און, ווי דער מנהג באַ אונזערע חברים און חברות, זיינען בסך הכול איר געשטעלט געוואָרן צען פראַגן, וועלכע זיינען געענטפערט געוואָרן אינטעליגענט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מיניסטער, און נאָך דעם, דער עקר פון דעם טאָג, דער וואונדערבאַרער שענער קבלת פנים פאַר דער דעלעגאַציע, דאָס באַגעגענען דעם נשיא פון ישראל, יצחק בן צבי, אונזער חבר בן צבי, זיין גייסטרייכע רעדע, איז געווען באמת אַ התרוממות הנפש; און אין אָוונט די אויפנאַמע פון דעם פינאַנס מיניסטער, לוי אשכול, אויסהערנדיק זיין רעדע און די ענטפערס וועלכע ער האָט געגעבן, האָט מען געוויס געקענט זאָגן „אשרי שזכינו לכך", און „דינו".

אונזער באַזוך אין די קבוצות, צווישן זיי, צוויי מאָל איך דער קבוצה זיו־הגשר, וואו חבר קענעט רעזניק (זון פון חבר און חברה י. רעזניק), האָט געמאַכט זיין היים; דער באַזוך אין באר־שבע, די אויפנאַמע פון דעם מעיאָר, חבר טוביה, און אחרון־אחרון חביב, דער באַזוך אין „שדה־בוקר", באַ דעם באַליבטן פירער, דעם גרויסן דוד בן גוריון, איז דאַכט זיך ניט גענוג צו זאָגן „דינו" אפילו אַ צענדליק מאָל.

דאָס וואָס חבר רעזניק, חברה בוימאַן און איך האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו זיין באַ דער גרויסער פאַרזאַמלונג פון דעם „איחוד עולמי" צוזאַמענפאָר אין בית־בערל פון די פועלי ציון, און אין אָוונט צו הערן בן גוריון, שרת, בערל לאָקער, שפּרינצאַק, דוד פינסקי, א. א., און זיך באַגעגענען מיט די וועלט פועלי ציון פירער, קען מען זאָגן אַ נייעם „דינו".

דער זיי־געזונט אָוונט (אָפּשייד) פרייטאָג־צו־נאַכט אין תל אביב, וואו די ריזדישער זיינען געווען די חברים פון תל־אביב'ער

פיאָנערן פרויען, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען באַם וועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון „איחום עולמי", און איך האָב געהאַט דעם כבוד זיי צו ענטפערן; דאָס באַקענען זיך מיט די דריי ליבע חברים — פאָלקס - מענטשן דוב קדם, זלמן און חוזי — מעג מען זאָגן מער ווי איין מאָל „דינו". דער שבת באַטאָג באַ חבר און חברה שפּרינצאַק, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך און אַ באַזונדער „דינו".

### על אחת כמה וכמה

אַז די אַלע שטעט, אַלע קאָלאָניעס, אַלע קבוצות, זייענדיק אויף די הייליקע פלעצער, וואו עס איז דער קבר פון ר' שמעון בן ר' יוחיא, א. א.; מיין באַגעגענען זיך מיט דעם סאַדאַגורער רבין, אדמור הרב מרדכי שלום יוסף פרידמאַן, און געפינען אַ טייל פון מיין משפחה וועלכע האָט זיך געראַטעוועט פון רומעניע; און צו דעם האָבן דאָס גליק אַז אונזערע קינדער זיינען אונז געקומען באַגעגענען באַם לופט פעלד אין לודי, צוזאַמען געווען ביים נשיא בן צבי און באַ בן גוריון, קען מען געוויס ניט נאָר זאָגן „דינו", נאָר זאָגן די טראַדיציאָנעלע ברכה „ברוך אתה . . . שהחיינו וקימנו לזמן הזה".

**אַלטער בוימאַן**

---

## באַגריסונג פון פאַרבאַנד, ברענטש 41

---

אלס טשערמאַן פון פאַרבאַנד ברענטש 41, איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד און פאַרגעניגן צו באַגריסן די פועלי ציון, דעם באַשאַפער פון פאַרבאַנד, צום פופציק־יאָריקן יובל.

עס איז אַ זכיה פון אַ דור צו דערלעבן צו זען די רעאַליזירונג פון אַן אידעאַל.

אין משך פון די זיבן יאָר פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, איז אַ סך אויפגעטאָן געוואָרן צו איר פאַרשטאַרקונג, סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש. מיר האָבן אָבער נאָך ניט דערגרייכט אונזער ציעל, פון שלום און רואיקע אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד. אונזערע פליכטן צו מדינת ישראל זיינען נאָך ניט פאַרענדיקט. מיט פאַראייניקטע כוחות באַ דער אַרבעט, קאָנען מיר דערלעבן צו זען אַ שטאַרקע און שיינע מדינה.

דער פאַרבאַנד, וועלכער איז אַלע מאָל אַ פעסטער און אומדערמידלעכער מיטאַרבעטער פאַר דעם אַרבעטער ציוניזם, וועט אויך ווייטער מיט התמדה און פולסטער איבערגעבנקייט מיטאַרבעטן, ביז מיר וועלן זעהן אַ שטאַרקע און אַ רואיקע מדינה.

**אַרטור קאָרמאַן**, טשערמאַן בר. 41

---

*Compliments of*

**BEN GURION BRANCH 41-B**

**FARBAND — LABOR ZIONIST ORDER**

» — «

**Officers:**

HARRY HOFFMAN .................... President
ELMER LAPPIN .................... Vice-President
ISRAEL SHERMAN .................... Second Vice-President
MAX PORTNOY .................... Financial Secretary
DOROTHY SOKOLOW .................... Corresponding Secretary
HYMAN GROSSBERG .................... Treasurer

**Trustees:**

ALBERT SOKOLOW – SIDNEY SIRKIS
SAM GROSSMAN

# דינו

## אין קורצן וואָס מיר האָבן געזען און געהערט אין מדינת ישראל

ס'איז באוואוסט, אז טוריסטן זיינען ווילקאָמען אין אַלע לענדער. מ'איז געווען צופרידן מיט אונז אין לאָנדאָן און אין פּאַריז; אָבער דעם „ברוכים הבאים" וועלכען מיר האָבן געקראָגן אויף דעם „לופט־פעלד" אין לוד, וואו מ'האָט אונז אויפגענומען ווי אייגענע — און, פאַרשטייט זיך, אין „עברית", האָט מען שוין באַלד געקענט זאָגן „דינו"!

דעם ערשטן טאָג אין תל־אביב, זעענדיק און הערנדיק פאַרשידענע אידן, און הערנדיק פאַרשידענע שפּראַכן, האָט מען באַלד געזען אַ קבוץ־גלוית; הערנדיק דאָס קינד — און טאַקע אַלע קינדער, רעדן איין שפּראַך, האָט מען באַלד געזען דעם „מיזוג גליות", און מ'האָט ווידער געקענט זאָגן „דינו"!

דער באַזוך אין הולון (אַ פאַרשטעטל צו תל אביב), דער וויזיט אין קרית־שלום, די אויפנאַמע פון דעם ארבעטנדן קאָנסול, זעענדיק די היים פאַר די „ותיקין" (עלטערע מענטשן), און נאָך דעם דער באַזוך אין דער „מעברה" און אין „בית ים", האָט מען געקענט זאָגן „דינו"!

דער אָפיציעלער אויפנאַם פון דער הסתדרות אין תל אביב, די רעדע פון חבר נאמיר, אַ. אַ., אין דעם וואונדערבאַרן שיינעם הסתדרות בילדינג (אויף שלום עליכם'ס שפּראַך, מ'איז ארויס פון קאבצאנסק), וועט געוויס קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן, און מ'האָט שוין זיכער געקענט זאָגן „דינו".

זייענדיק די געסט פון דער מעצות־הפועלת, זיך באַקענענדיק אויף דעם אָרט מיט דעם „כנות" אונטערנעמונג (די קינדער־היים), אויך די קינדער־היים פון די פּיאָנערן פרויען פון מעקסיקא, נאָך דעם דער באַזוך פון דעם ווייצמאַן אינסטיטוט אין רחובות, לעגענדיק אַ קראַנץ בלומען אויף דעם קבר פון דעם ערשטן מדינת ישראל פּרעזידענט, דר. חיים ווייצמאַן, און פאַרענדיקן דעם טאָג מיט אַ וויזיט אין אליעזר קאַפּלאַן האָספּיטאַל פון קופּת־חולים, דער מאָדערנסטער האָספּיטאַל אין מיטן־מזרח, האָט מען אוודאי און אוודאי געקענט זאָגן „דינו".

דער באַזוך אין בעליסאָן האָספּיטאַל (750 בעטן) מיט אַ מעדיצינישן סענטער, דער וויזיט אין מעמאָריאַל מוזעאום באַ פּתח־תקוה, די אויפנאַמע פון דעם מעיאָר, חבר פּנחס רשיש, נאָך מער, צו זיין דעם טאָג אין בית־בערל" (אויף דעם נאָמען פון דעם גרויסן גייסטער בערל קאַצענעלסאָן), ציוניסטישער ארבעטער סעמינאַר, וואו געלערנטע פון דער וועלט קומען הערן און לערנען, „דינו".

דער באַזוך אין חדרה, אין „בית־רמז הבראה" (אָפּרוה פּלאַץ פאַר ארבעטער) לעבן זכרון־יעקב, וועלכע וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן אַזוי וואונדערבאַר שעהן איז דאָס פּלאַץ; דער באַזוך אין דער קאָלאָניע שבי ציון, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן פון דייטשע אידן; אונזער שטעהן אין דעם נייעם מאָדערנעם דאַלפין האָטעל (מיט אַלע באַקוועמליכקייטן), איז געוויס שוין געווען „דינו".

אונזער באַזוך אין גליל„ ראש־פינה עלית־השומר, אַ. אַ. וו., צוקוקנדיק צו דער באַוואוסטער „חולה" אונטערנעמונג, פאָרנדיק אויף אַ נאַציאָנאַל־פאָנד שיף צו זען ווי אַזוי די „סוואַמפּס" ווערן געטריקנט; דאָס שענקייט פון דעם וואונדערבאַרן שענעם קיבוץ „הגורשים", שטייענדיק באַם „טרומפּעלדאָר" מאָנומענט אין תל־חי, וואו ס'האָבן געקלונגען די ווערטער „טוב למות בעד ארצנו"; נאָך דעם דער באַזוך אין „כפר בלום", די חברשע באַגעגעניש מיט אייניקע באַסטאָנער חברים און חברות, וואו מ'האָט קענען געלערנט די ריכטיקע מינונג פון „אנו־באנו־ארצה, לבנות־ולהבנות", אין דער ווירקלעכקייט, איז שוין געווען מער ווי „דינו"

אונזער באַזוך אין טבריה, וואו דער מעיאָר האָט מיר געפּוּ זעהן דעם געוועזענעם פּראָווידענסער רב, דעם גרויסן תלמוד חכם און גרויסן „מקובל", הרב ר' אשר ווערנער, אויסהערנדיק זיין שבח צום בורא־עולם פאַר מדינת ישראל, דער נאָך אונזער וויזיט אין כנסת, אונזער גאַנג צום קבר פון דעם גרויסן מענטשן בערל קאַצענעלסאָן, גייסטיקער וועג־ווייזער פון דער הסתדרות, ענדיקן דעם טאָג אין „דגניה", ערשטער קיבוץ געגרינדעט אין 1911, און אויסהערנדיק די רעדע פון חברה באַראַץ, די מוטער פון „דגניה", איז אוואַדע „דינו".

דער קורצער באַזוך אין דער פאַרשטאָט פון חיפה, וואו די רעכן־פאַבריק פון סולל ובונה בשותפות מיט אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל, הסתדרות־אינדוסטריע, איז גענוג געווען צו זאָגן „דינו".



זעקוטיווע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין חודש מאַי אין ירושלים, איז דער גראַנאַט פּאָרשלאָג געגוי פאַרהאַנדלט געוואָרן.

נאָך דעם ווי דר. אברהם גראַנאַט און יוסף ווייץ, זיין נאָענסטער ראַטגעבער און מיטאַרבעטער, האָבן אויף אַן אַלזייטיקן אופן אויפגעקלערט די פּראָבלעמען פון באַדן אַנטוויקלונג אין מדינת ישראל און אויך אָנגעוויזן אויף די ביז איצטיקע דערגרייכונגען פון קרן קימת און די גרויסע אויסזיכטן וואָס ראָס לאַנד האָט פאַר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, איז דאָן פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע באַלערנדע דיסקוסיע אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

אין דער דיסקוסיע זיינען נאָך אַמאָל קלאָר באַגדינדעט געוואָרן די פּרינציפּן אויף וועלכע דער קרן קימת איז געבויט, די ביז איצטיקע דערגרייכונגען פון דעם פאָלקס פאָנד פאַר מדינת ישראל און די גרויסע אויפגאַבן וואָס דער פאָנד וועט נאָך האָבן פאַר פילע יאָרן (מעגלעך דורות) צו העלפן אַנטוויקלען די מדינה אויף יסודות פון באָדן נאַציאָנאַליזירונג, זעלבסט־אַרבעט און געזונטע עקאָנאָמישע יסודות.

מיט באַזונדערע צופרידנהייט האָט די ציוניסטישע וועלט עקזעקוטיווע אויפגענומען די דערקלערונג פון לוי אשכול, פינאַנץ מיניסטער פון מרינת ישראל, אַז די מיטגלידער פון קאַבינעט שענקען לעצטנס אַ סך אויפמערקזאַמקייט צו דעם גראַנאַט פּלאַן. די מערסטע מיטגלידער אין קאַבינעט זעען אין דעם פּלאַן גרויסע מעגלעכקייטן פאַר טעטיקייטן פאַרן קרן קימת אין דער אידישער וועלט און פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל.

ציוניסטן באַציען זיך זייער פּאָזיטיוו צו דעם גראַנאַט פּלאַן וועגן דער באַשאַפונג פון אַ בשותפותדיקע לאַנד אויטאָריטעט פון קרן קימת מיט דער רעגירונג פון מדינת ישראל.

עס פאַרשטייט זיך אַז עס זיינען אין פאַרלויף פון רער ריסקוסיע ביי דער עקזעקוטיווע אָנגעוויזן געוואָרן אויף אַ רייע דעטאַלן, וואָס דאַרפן אויפגעקלערט ווערן; באַזונדערס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז קיין זאַך אין דעם פּלאַן טאָר נישט זיין קיין שטערונג פאַרן קרן קימת צו פאַרגרעסערן די אַקטיוויטעטן אין דער אידישער וועלט פאַר דעם וויכטיקן פאָנד, און אַז אַלעס דאַרף געטאָן ווערן אָפּצוהיטן דעם קרן קימת סטאַטוס, די לעגאַלע רעכט וואָס ער געניסט אין געוויסע לענדער און אין אַלע אַנדערע פאַרדינטע פּריווילעגיעס, וואָס ער האָט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און אין מדינת ישראל.

דער קרן קימת האָט, אחוץ זיינע גרויסע מעגלעכקייטן פאַר געלט זאַמלונגען, פאַר לאַנד אויסקויפן און פאַר אַנטוויקלען דעם באָדן אין מדינת ישראל, האָט אויך אַ גרויסע דערציערישע באַדייטונג פאַרן ציוניזם און פאַר אידיש נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט מיט דער מדינה.

אין די זאַמלונגען פאַרן קרן קימת ווערט אַריינגעלייגט אַ סך האַרץ, נשמה און אַ סך אידישע פאָלקסטימלעכקייט און ליבע צו מדינת ישראל. די אידן אין ישראל, דער גאַנצער ישוב, ווייזט אַרויס פאַרשטענדעניש און אַ וואַרעמע באַציאונג צו קרן קימת; דער גאַנצער ישוב, יונג און אַלט, פון אַלע קרייזן, זיינען שטאַרק צוגעבונדן צו דעם פאָנד.

דער גראַנאַט פּלאַן באַצוועקט אַרויפצופירן דעם קרן קימת אויף נאָך אַ ברייטערע וועג ווי ביז איצט.

די גרויסע אידעאַלן, וואָס דער קרן קימת האָט אין זיך פאַרוואָרצלט; די ליבע פון פאָלק, וואָס ער האָט אַרויסגערופן; וועט איצט פאַרשטאַרקט ווערן דורך דעם פאַקט וואָס מדינת ישראל ווערט איצט אַן אָפיציעלער שותף אין די וויכטיקע טעטיקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד, וואָס דער פאָנד דאַרף דורכפירן.

די טוער פון קרן קימת אין אַמעריקע און אין אַלע טיילן פון דער וועלט, וועלן זיכער אויפנעמען די וויכטיקע פאַסירונג מיט אַ סך פרייד.

די זאַמלונגען פון קרן קימת וועלן פאַרגרעסערט ווערן, די צוגעבונדקייט צו דעם פאָנד פון אַלע ריכטונגען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון די אידישע מאַסן בכלל, וועט ווערן שטאַרקער; דער קרן קימת וועט בלייבן אין אידישן לעבן דער פאָלקס פאָנד אַרום וועלכן די גרויסע אידישע מאַסן וועלן זיין גרופּירט.

דער פאָנד וועט ווייטער געטריי דינען די ציוניסטישע באַ־

## איז טעלעוויזשאַן טריף? . . .

אין דעם רבנ׳ישן זשורנאַל „המאור״, איז אין איינער פון די לעצטע אויסגאַבעס פאַרעפנטליכט אַן אַרטיקל אונטער׳ן קאָפּ: „על שלשה פשעי הטלביזיא״, פון אַ חברה, וואָס רופט זיך — הנהלת תפארת בחורים.

רער ראַזיקער מאמר זאָגט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז דער וואָס ברענגט אַריין אַ טעלעוויזשאַן ביי אים אין הויז איז מיט איין מאָל עובר אויף עבודה זרה, גלוי עריות און שפיכות דמים. עבודה זרע — צוליב די פאַרשידענע רעליגיעז־קריסטלעכע פּראָגראַמען; גלוי עריות — צוליב דעם וואָס די אויג זעט און דאָס האַרץ גלוסט; און שפיכות דמים — צוליעב די ספּאָרט־פאַרמעסטן צווישן „באָקסערס״ און „רעסלערס״ און אַנדערע פּראָגראַמען פון דעם סאָרט, וועלכע שאַפן אַ גלייכגילטיגע באַציאונג צום ענין פון שפיכות דמים.

ס׳איז אַ גרויסע פראַגע צי אָרטאָדאָקסישע רבנים אַליין, און אַפילו היימישע רבנים, זיינען אָפּגעהיט אין די אזהרות, וואָס די הנהלת תפארת בחורים האָט אַרויסגעגעבן, אָבער אַ גרויסער חסיר׳ישער רבי, וועלכער פירט איצט אָן מיט׳ן אויפבוי פון אַ חסיד׳ישן הייזער־פּראָיעקט, האָט צווישן די באַדינגונגען, וואָס יעדער איינוואוינער מוז זיך פאַרפליכטן נאָכצוקומען, אַריינגעשטעלט אַ פּונקט, אַז קיין טעלעוויזשאַן טאָר דאָרט נישט אַריינקומען אין אַפּאַרטמענט.

# וואָרום איר דאַרפט זיך אָנשליסן אין די פּועלי ציון

פון **מאַקס בערמאַן,** טשערמאַן

דער פּועלי ציוניזם, וואָס פייערט זיין פופציק־יאָריקן יובילעאום, קאָן מיט רעכט אָנווייזן, אַז רער וועג וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורך זיינע שאַפער און דענקער — רער וועג פון חלוציות, קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע (קבוצים און קבוצות), אויך בשותפותדיקע אַרבעט אין אינדוסטריע, און אויך געגנזייטיקע הילף — די אַלע זאַכן האָבן פיל ביי געטראָגן אין קאַמף מיט די שונאים און אויך ביים אויפשטעלן די מדינה. אָן דעם אַלעס וואָלט ניט מעגליך געווען די אַלע דערגרייכונגען.

די פּועלי ציון איז די שוועסטער פּאַרטיי פון דער מפא״י אין ישראל, וועלכע טראָגט אויף זיך די גרעסטע אחריות אין אָנפירונג פון דער מדינה. רי וויכטיקסטע פּלעצער אין דער רעגירונג זיינען פאַרנומען דורך די חברים פון מפא״י; די מערהייט חברים אין רער כנסת זיינען פון דער מפא״י. און ניט קוקנדיק וואָס רי מערהייט פון די ניי־געקומענע זינט דעם אויפשטעל פון דער מרינה קומען פון לענדער אָפּגעשטאַנענע פּאָליטיש, קומענדיק אין לאַנד שליסן זיי זיך אָן און געבן אָפּ זייערע שטימען פאַר רי מפא״י דעפּוטאַטן, ווייל זיי זעען איין, אַז די מפא״י און אירע פירער האָבן מיט זייערע מעשים באַוויזן די גרויסע אחריות וואָס זיי האָבן פאַר דעם וואוילזיין פון דער מדינה. . . .

די פּועלי ציון זיינען אָנגעשלאָסן אין דער וועלט אָרגאַניזאַציע איחוד עולמי, וועלכע גייען צוזאַמען מיט דער מפא״י ביי די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

די פּועלי ציון זיינען רי גרינדער פון דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות, וואָס איז רער בויענדער כוח אין דער מדינה. דורך דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין זיינען געוואונען געוואָרן טויזנטער אידישע אַרבעטער און די יוניאָנס אַלס פריינט פון ציוניזם און פון דער מדינה.

שליסט זיך אָן אין דער פּאַרטיי פּועלי ציון און העלפט דעם פּראָגרעסיוון און פּראָדוקטיוון ציוניזם.

IN MEMORY OF

**Mr. and Mrs. PHILIP PRIEST**

# אזוי האט געזאגט הערצל

(פון זיינע שריפטן)

אין דעם אידישן לאנד ווילן מיר אנווענדן אלע נייע עקספערי־מענטן און זיין א ביישפיל פאר אנדערע. און גענוי ווי דער זיבן־שעהדיקער ארבעטס־טאג וועט זיין אן עקספערימענט לטובת דער גאנצער מענטשהייט, אזוי ווילן מיר גיין בראש אין אלע אנגע־לעגנהייטן און רעפרעזענטירן דאס נייע לאנד אלס מוסטערהאפט לאנד.

*  *  *

אויב מיר וועלן אויפשטעלן בנינים, וועלן מיר נישט בויען קיין נעבעכדיקע געביידעס, נאר ווי מען בויט איצט, און אין א פיל דרייסטערער און שענערער פארם.

*  *  *

קיין שום פאלק איז נישט גרייט און נישט אימשטאנד צו ברענגען אזויפיל קרבנות פאר דער אויפלעבונג פון דעם דאזיקן לאנד, ווי דאס אידישע פאלק. קיינער וועט אונז נישט אויסכאפן, ווייל קיין שום פאלק קען נישט ארויסגעבן אזויפיל איבערגעגעבענע מענטשן ווי די אידן.

*  *  *

דער קאלאניסט וואס קוקט אויס שטענדיק זיין פאטראן אדער אפוטרופוס, וועלכער געפינט זיך ערגעץ־וואו אין די מרחקים, געהערט נישט צו דער עקאנאמישער קאטעגאריע פון אידן, וואס איך שאפונג קען העלפן אויפצוהויבן דעם מאראלישן כוח פון אונזער פאלק. דאס לאנד באקומט א ווערט דורך דעם, וואס עס ווערט באזעצט מיט מענטשן און דעריבער קומט דעם זידלער מער ווי א מתנה: עס קומט אים קרעדיט.

*  *  *

ווען מיר וועלן דארט זיין, וועלן די יעניקע וואס טאנצן ארום דעם עגל הזהב פאראיבל האבן, פארוואס איך לאז זיי נישט גיין צו דער בערזע.

דאס איז געווען גוט אין די גלות־צייטן. איצט ליגן אויף אונז די פליכטן פון פרייהייט. מיר מוזן זיין א פאלק פון דער־פינדער, קעמפער, קינסטלער, געלערנטע, ארנטלעכע סוחרים און פארגעשריטענע ארבעטער.

*  *  *

אויב מען וועט מיר פרעגן, ווי אזוי רעכענען מיר צו האנד־לען מיט די זידלער, פארלירן מיר זיך ניט: מיר ווילן זיי מאכן פאר מענטשן, וואס ווערן איינגעווארצלט אין זייער באדן, פאר אמתע פויערים. זיי דארפן לעבן פון באדן און נישט זיין קיין מאכטלאזע הענדלער וואס קוקן אויס דעם מארק. זיי וועלן גיין אויפן מארק בלויז כדי צו פארקויפן דעם איבערשוס פון זייער פראדוקציע, נאכדעם ווי זיי וועלן באפרידיקן די אייגענע באַ־דערפענישן. די קאלאניזאציע וועט געמאכט ווערן לויט די כללים, וועלכע מיר האבן געלערנט פון דער דערפארונג און פון דער וויסנשאפט — ווי א לאנדווירטשאפטלעכע קאאפעראטיווע געזעל־שאפט, וואס פירט אן מיט זיך אליין.

*  *  *

דער גרויסער כלל פון מיין לעבן איז: ווער עס וויל ענדערן די מענטשן, דער מוז ענדערן זייערע לעבנס־באדינגונגען.

מיין צוואה צום אידישן פאלק: בויט אויף אייער מדינה אזוי אז דער גר זאל זיך פילן גוט צווישן אייך.

די בענקשאפט שאפט דעם משיח. נישט דער יחיד, נאר די אויפוואכנדיקע פערזענלעכקייט פון דעם פאלק, זי וועט צוגרייטן דאס גאולה־ווערק.

*  *  *

און אט דער מיסטעריעזער עלעמענט איז געווארן א נאטיר־לעכע זאך, גלייך ווי די הבטחות אויף אחרית הימים האלטן ביי מקוים ווערן. און אט זעען מיר, אז מאדערנע מענטשן וואס שטייען מיט ביידע פיס אויפן רעאלן באדן פון זייער צייט, אנער־קענען אלס נאטירלעך, נויטווענדיק און רעאליזירבאר וואס די אידן האבן אין משך פון הונדערטער יארן אויסגעדריקט אין זייער תפילה: שיבת היהודים!

*  *  *

אויך די אלע וועלכע בייזערן זיך איצט, וועלן אין איינעם פון די טעג קומען קעגן זייער ווילן, און אויב זיי וועלן נישט מורא האבן פאר קיין זאך, וועלן זיי סוף־סוף זיך אונטערווארפן דער קראפט פון דעם פאקט.

*  *  *

די היגנטערשטעליקע וואס צווייפלען און פארשפעטיקן זיך, וועלן באוואלט ווערן אי דא, אי דארט. אבער די ערשטע עולים וואס וועלן אהין גיין מיט גלויבן, התלהבות און מוט, זיי וועלן באקומען די בעסטע פלעצער.

*  *  *

איך האלט, אז אידן וועלן שטענדיק האבן גענוג שונאים, ווי יעדעס אנדער פאלק. וועלן זיי זיך אבער באזעצן אויף זייער אייגענער ערד, וועלן זיי שוין פיזיש נישט קענען זיך צעשפרייטן אין אלע עקן וועלט.

*  *  *

די וועלט ווערט באפרייט דורך אונזער באפרייאונג, ווערט רייך דורך אונזער רייכקייט און ווערט גרעסער דורך אונזער גרויסקייט.

*  *  *

איך אליין בין נייטיג אן אסימילירטער איד און איך רעד פון דערפארונג, די אידן האבן א נאטירלעכע נטיה זיך צו אסימי־לירן. ווען עס קומט אבער דער מאמענט ווען זיי געפינען זיך שוין אויפן בעסטן וועג - דעמאלט אין יענעם מאמענט ווערט גע־בוירן דער אנטיסעמיטיזם.

*  *  *

קיין שום זאך האלט אונז נישט אפ צו זיין די טרעגער פון הומאניזם אויף אונזער ערד. צו דעם צוועק מוזן מיר נישט וואוינען צווישן פעלקער וואס האבן אונז פיינט.

*  *  *

איך וויל פארפונדעווען דעם המשך פון דער בוי־ארבעט, ווייל פון מיין בלוט איז קנאפ פאראן צווישן די ערשטע שטיינער.

*  *  *

אויפן וועג, אין דער אלט־נייער רוים, האט ביי מיר אויפגע־בליצט א געדאנק אויפצובויען אין ירושלים א גאס וואס זאל הייסן „רחוב הגליות, וואו עס זאלן זיך געפינען אלע בוי־סטילן פון אלע צייטן און פון אלע לענדער, איבער וועלכע מיר האבן געוואנדערט.

*  *  *

אויך מיר ווילן זיך באטייליקן אין דער אויסבעסערונג פון דער אלגעמיינער לאגע, אבער ווי אידן און נישט ווי סתם־מענטשן. דאס וואס מיר וועלן טאן אלס אידן, וועט אונז פארשאפן אויך

אַט די צוויי שטראָמען, צוזאַמען, האַנט ביי האַנט,
האָבען אויפגעבויט די אידישע היימלאַנד!

2

## פועלי ציון

ווי אַ קייט אַ גאָלדענע טוען זיי זיך ציען
די פופציק שעפערישע יאָר
פון דער פּאַרטיי פועלי ציון.

שעפעריש אויף יעדען געביט,
קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט — קיינמאָל ניט מיד!

צו יעדער געזעלשאַפטליכער אַרבעט געגעבען דעם טאָן,
מיט שטאָלץ און מיט ווירדע געטראָגען זייער פאָן!

אַ גרופּע, אַ קליינע, פון איינצעלנע — יחידים
האָבען געקעמפט, און באַזיגט
דעם איינפלוס פון די „יהודים". . . .

געווען זיינען זיי די ערשטע צו אַגיטירען,
דעמאָקראַטישע קהלות איינצופירען;
געווען אויך די ערשטע צו גרינדען פאָלקס-שולען,
אויך אַ סעמינאַר פאַר לערער,
מיט תלמידים צו קנעלען. . . .

וואַקסענדיק אויף דעם פעלד פון אַרבעטער שיכטען
און די ברייטע פאָלקס-מאַסען,
האָט זי זיך ווי אַ בוים טיף איינגעוואָרצעלט
און ברייט זיך צעוואַקסען,
פּראַכטפולע צווייגען פון זיך אַרויסגעגעבען,
וואָס זיינען אַ ברכה אין אידישען לעבען. . . .

דעם אידישען נאַציאָנאַלען אַרבעטער פאַרבאַנד
האָט זי דאָך צום לעבען געבראַכט;
היינט איז ער זיך צעוואַקסען, אַ פּראַכט!

דעם געווערקשאַפטען קאַמפּיין געהאָלפען שאַפען,
ווי אַ גאָרטען אַ שיינער בליעט ער היינט;
אונטער זיין שאָטען זיך צוזאַמענגעטראָפען
מיט נעכטיגע געגנער, געמאַכט זיי פאַר פריינט. . . .

און די טאָכטער די געראָטענע — די פרויען פּיאָנערען,
איז דאָך שוין אַליין אין די עלטערע יאָרען . . .
האָט שוין אַ יונג צווייגעלע פון זיך אַרויסגעגעבען,
פון וועלכען זי האָפט נחת צו דערלעבען. . . .

אויף איר וועג זיך באַגעגענט
מיט אַ יונגען בחור אַ שיינעם . . . (צעירי ציון)
געשלאָסען מיט אים אַ שידוך אַ פיינעם . . .
מיט אים זיך פאַראייניגט — באַהעפט צוזאַמען
און נייע צווייגען זיינען אַרויסגעקומען:

די ליג פאַר דאָס אַרבעטענדע ארץ ישראל,
אַ צווייג אַ נייע, דאָך זייער געראָטען;
איינזאַמע — יחידים, ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו קוויקען,
אונטער איר שאָטען . . . האָבען געפונען זייער תיקון . . .

אויך אַנדערע צווייגעלעך, וואָס וואַקסען אין [illegible] —

אַט פון דעם בוים, און פון די צווייגען
וואָס ער האָט ערצויגען,
איז אַ פּרי אַרויסגעקומען,
אַ שיינקייט פאַר די אויגען. . . .

בחורים און מיידלעך, געטרייע אידישע קינדער,
איידעלע נשמות ריינע,
וועלכע האָבען באַוויזען וואונדער
אין קאַמף פאַר דער אידישער מדינה!

3

## די צווייטע עליה

אַ הייפעלע מענטשען, אַ גרופּע אַ קליינע,
מיט אַ וויזיע אַ רייכע — אַ שיינע —

אויפצובויען אַ אייגען לאַנד,
אַראָפּוואַרפען פון זיך גלות שאַנד,
פאַרוואַנדלען וויסטע ערד, אין בליענדען פעלד,
איינפירען אַ בעסערע און שענערע וועלט.

זיינען זיי אין לאַנד געקומען,
באַקוועמליכקייט אויפגעגעבען,
און מיט גרוים עקשנות זיך גענומען
די וויזיע דורכפירען אין לעבען.

האָבען זיי זומפען געטריקענט,
וועגען אין מדבריות געשניטען,
געהונגערט, געפיבערט, קראַנקהייט געליטען,
אַלס שומרים אויף ווילדע פערד געריטען
באַוואָפענט מיט ביקס און שווערד,
יידיש פאַרמעגען אָפּצוהיטען,
פאַרטיידיקען אייגענע ערד.

אויך פאַסטוכער געוואָרען אין טאָל,
ווי אונזערע אוראַלטע אַמאָל,
געטריי איבער די שעפעלאַך געוואַכט,
אין די היצען בייטאָג, אין די קעלטען ביינאַכט.

בוימער געפלאַנצט אויף באַרג און טאָל,
זיך אויך פאַרמאָסטען אויף שטיין אייזען און שטאָל;
קבוצים, ישובים געבויעט, גאַנצע דערפער און שטעט,
אַ היימלאַנד פאַר זייער פאָלק צוגעגרייט.

און ווען רייף די צייט איז געוואָרען
מיט דער אייגענער מדינה אָנצופירען,
זיינען זיי דערצו שוין געווען גרייטע,
די פּיאָנערען פון דער עליה די צווייטע,
אַרויסגעגעבען פון זיך שטאַטסלייט, דיפּלאָמאַטען,
פאַכלייט אויף אַלע געביטען;

אויך די כסא הנשיאות צו פאַרנעמען,
איז פון זייערע רייען געקומען.

חבר יצחק בן צבי,
דער חלוץ פון דער עליה דער צווייטער,
איז דער אויסדערוויילטער
וואָס איז צו נשיאות געוואָרען דערהויבען;
דאָס פאָלק טוט אים אַכטען און לויבען,
[illegible]

# א באנייטע שבועה

**באגריסונג צו אונזער באוועגונג אין פראווידענס**

פון **א. העמלין** נאציאנאלער סעקרעטאר פון הסתדרות קאמפיין

מיט א יאר צוריק איז אין דער אידישער פרעסע אנגעגאנגען א דיסקוסיע וועגן דעם ווער ס'האט „דערפונדען" די אינסטיטוציע פון „דריטן סדר". עס האבן זיך אנגערופן פארטרעטער פון א צאל ארגאניזאציעס, וואס יעדער פון זיי האט געהאלטן, אז זיי האבן „ענדעקט" דעם דריטן סדר, אבער איך ווייס אויף זיכער, אז דער קרעדיט דערפאר געהערט צו פראווידענס. דערפאר האב איך הנאה יעדעס יאר ווען מיר קומט אויס צו שרייבן עטלעכע ווערטער פארן זשורנאל וואס ווערט ארויסגעגעבן לכבוד אייער טראדיציאנעלן דריטן סדר, און באגריסן הארציק מיינע ליבע חברים צו אייער גרויסן יום טוב.

אין במעט דער זעלבער צייט וואס איר וועט פייערן אייער שמחה, וועלן דריטע סדרים געפייערט ווערן אין די פאראייניקטע שטאטן, אין קאנאדע און אין לאטיין-אמעריקאנער לענדער. אומעטום וועלן טויזנטער אידן זיך צענויפקומען אפצוריכטן דעם זמן חרותנו און אין דער זעלבער צייט מאביליזירן אלע כחות פאר דער ארבעט וואס שטייט אונז נאך פאר כדי צו פארווירקלעכן אונזער אידעאל.

מיט דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל איז נאך אונזער פאלק ניט באפרייט געווארן, עס זיינען אבער געשאפן געווארן די ראמען פאר דער באפרייאונג. די ראמען דארפן איצט אויסגעפילט ווערן, און אונזערע חברים אין ישראל, מיט אונזער הילף, טוען דאס. באפרייאונג הייסט קודם כל ברענגען קיין ישראל די אלע אידן וועלכע מוזן אדער ווילן פארלאזן זייערע איצטיקע וואוין-פלעצער און זיך באזעצן אין ישראל. באפרייאונג הייסט אויך, אז זיי זאלן דארט לעבן אלס פראדוקטיווע, פרייע בירגער, אז זייערע קינדער זאלן אויסוואקסן אין זיכערקייט, אז זיי זאלן זיין באזארגט מיט בילדונג, מיט ארבעט, מיט א דאך איבערן קאפ, און מיט שוץ קעגן די לויערנדיקע שונאים.

דער נס פון אונזער געשיכטע האט געשאפן די הסתדרות העובדים, די פאראייניקונג פון חלוצישע ארבעטער, וועלכע האבן מיט 36 יאר צוריק גענומען אויף זיך די הייליקע אויפגאבע צו בויען א מדינה אויף די פרינציפן פון יושר און סאציאלע גערעכטיקייט, אויף די פרינציפן פון ארבעט און קאאפעראציע, כדי איין מענטש זאל ניט אויסנוצן די ארבעט פון צווייטן, און אלע צוזאמען זאלן ארבעטן פארן אלגעמיינעם וואוילזיין, און פאר דעם פארשריט פון לאנד.

מיר, חברים פון דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג, האבן די גרויסע זכיה צו זיין שותפים אין דעם דאזיקן גרויסן ווערק. שוין 31 יאר שטייען מיר צוזאמען מיט דער הסתדרות, העלפן באפעסטיקן אירע פאזיציעס, העלפן איר בויען אינסטיטוציעס וואס גיבן דעם לאנד זיין פראגרעסיוון כאראקטער, העלפן איר אויפנעמען נייגעקומענע עולים און אינטעגרירן זיי אין דעם עקאנאמישן, סאציאלן און קולטורעלן לעבן פון לאנד.

דער הסתדרות קאמפיין, וואס איז אנטשטאנען אלס א קליינע באוועגונג, מיט א באגרענעצטן קרייז אנהענגערס, איז במשך פון די יארן אויסגעוואקסן אלס א מעכטיקער אינסטרומענט וואס נעמט ארום ברייטע קרייזן פון דער אידישער און ניט-אידישער געזעלשאפט אין אמעריקע. מיר האבן געוואונען די אידישע פאלקסמאסן, מיר האבן געוואונען די אמעריקאנער ארבעטערשאפט, וועלכע איז געווארן אן איבערגעבענער פריינט פון ישראל און גיט דער אידישער מדינה איר פולסטע פאליטישע און מאראלישע מיטהילף.

טא לאמיר היינט, ווען מיר פייערן דעם נס פון אידישער באפרייאונג מיט טויזנטער יארן צוריק, ניט פארגעסן אונזערע אויפגאבן פאר דער באפרייאונג פון היינטיקן דור. לאמיר נאכאמאל באנייען אונזער אלטנייע שבועה אנצוגיין ווייטער מיט אונזער ארבעט, מיט נאך מער ענערגיע, מיט נאך מער איבערגעבנהייט, ביז די שווערע וואלקנס וועלן פאראיבער, און ביז מדינת ישראל וועט פאלשטענדיק אויפגעריכט ווערן אלס ברכה

# צוויי יובילייען... און א דריטער

**50טער יובל פון פועלי ציון אין אמעריקא**

**50טער יובל פון דער צווייטער עליה**

פון שלמה לייטמאן



1

**א ר י י נ פ י ר**

1905 — מיט פופציק יאר צוריק
ווען געבושעוועט האט א בלוטיקער קריג

אין דעם יאר, ווען פון האפענונגען באראשטע
געבליבען איז מען אנטוישטע,

ווען דורך אידיש בלוט וואס איז געווארן פארגאסען
איז האפענונג אויף פרייהייט געווארן אויסגעלאשן

האבן דאן פון דעם לאנד, פון אידישע פאגראמען
מאסען וואנדערער געטאן שטראמען
אויף צוויי פארשידענע וועגען,
פארברענענדיק אונטער זיך אלע בריקען,

די וואנדערער פון איין שטראם
האבן געזוכט זייערע גליקען
אין דעם גאלדענעם לאנד פון די שטאטען,
דארט א רואיקע היים געפונען.

דער צווייטער שטראם פון די וואנדערער —
קליין אין צאל, נאך גליקען זיך ניט געטאן יאגען,
האבען דאס לאנד פון די אבות באטרעטען,
געפונען עס אין חרוב'ע רואינען.

האבען זיי מיט גרוים עקשנות, און טיפען גלויבען
גענומען אויף זיך די חורבות אויפצולעבען.

אויך די וואס האבען זיך באזעצט אין די שטאטען

# דאָס לעבן פון רמב״ם

אַ קורצע ביאָגראַפיע פון אַלטער בוימאַן



רבינו משה בן מימון

דער רמב״ם איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1135, אין קאָרדאָווא, שפּאַניע. זיין פאָטער איז געווען אַ דין.

דער רמב״ם האָט באַקומען זיין בילדונג אין דער צייט ווען אידן און אַראַבער האָבן אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל גרויסע געלערנטע, פילאָזאָפן און פּאָעטן. מיט גרויס התמדה האָט ער געלערנט תלמוד, אַ סך געלייענט אין העברייאיש און אַראַביש, פילאָזאָפיע און נאַטור־וויסנשאַפט.

ווען דער רמב״ם איז אַלט געוואָרן 13 יאָר, איז שפּאַניע באַזיגט געוואָרן פון די אַלמוהאַדן, וועלכע האָבן באַלד געגעבן אידן די ברירה, אַז אויב זיי ווילן פאַרבלייבן אויף זייערע וואוין־ערטער, מוזן זיי אָננעמען דעם איסלאַם (מאַכמעדאַנישע רעליגיע), אויב ניט, מוזן זיי פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

דעם רמב״ם׳ס פאַמיליע האָט אויסגעקליבן דעם וואַנדער־וועג, און האָבן זיך באַזעצט אין „פעץ״, צפון אַפריקא, און כאָטש דאָס וואַנדערונג איז געפאַלן שווער אויף דער פאַמיליע, און בפרט אויף דעם יונגען משה, האָט ער אָבער ניט פאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען, און האָט זיך גייסטיק שטאַרק אַנטוויקלט. צווישן די העכערע לימודים וועלכע ער האָט געלערנט, איז אויך געווען מעדיצין, אין וועלכער ער האָט זיך שנעל פאַרפאָלקאָמענט, און האָט באַ אים פאַרנומען די מערסטע צייט; אָבער ער האָט צו דער זעלבער צייט געטראַכט אַ סך פון דער אידישער אמונה, און האָט געוואָלט משתּף זיין „דת״ מיט „דעת״ — די אידישע געזעצגעבונג מיט דעם ליכט פון וויסנשאַפט. און מיר געפינען אים צו 23 יאָר שוין שרייבן אַ פירוש אויף „משנה״.

זייענדיק אין „פעץ״, האָבן די פאַנאַטישע אַלמוהאַדן געבושעוועט אָן רחמנות, און דעם רמבם׳ס משפחה איז געווען געצוואונגען אַ שטיקל צייט זיין עפּענטלעך אַלס מאַהמעדאַנער, אָבער אין דער שטיל, האָבן זיי געלעבט אַלס אידן און אָפּגעהיט די אידישע רעליגיאָן און אַלע דינים. אָבער ס׳האָט ניט אָנגעהאַלטן לאַנג, און די מאַהמעדאַנער האָבן זיך דערוואוסט, אַז זיי לעבן אין דער שטיל אַלס אידן, און זיינען נאָר מאַהמעדאַנער לפנים; האָט דעם רמב״ם׳ס פאַמיליע געמוזט אַנטלויפן, און זיי האָבן געגריכט ארץ־ישראל (פּאַלעסטינא) נאָך דורכמאַכן אַ שווערע ים־רייזע, וועלכע האָט גענומען אַ מאָנאַט צייט, ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין „עכו״, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט עטלעכע מאָנאַטן. פון דאָרטן זיינען זיי געפאָרן קיין ירושלים, מתפּלל צו זיין [illegible] כותל־מערבי. און פון ירושלים זיינען זיי אַוועק קיין

און האָבן זיך באַזעצט אין אַלט־קאַירא (פאָסטאַט).

אין קאַירא האָט זיך דער רמב״ם מפרנס געווען פון דאָקטאָריע. ער האָט פּראַקטיצירט מעדיצין; אָבער ער האָט אויך דעמאָלט ניט אויפגעגעבן די לערע וועגן רעליגיאָן און פילאָזאָפיע, און האָט פאַרגעזעצט צו שרייבן זיינע ווערק נאָך אַ שווערן טאָג פון אַרבעט. אין גיכן איז ער אָנערקענט געוואָרן אין מצרים אַלס אַ גרויסער דאָקטאָר, און צו דער זעלבער צייט, אַלס דער גרויסער אידישער געלערנטער.

דער רמב״ם איז אינגיכן באַשטימט געוואָרן פון דעם סולטאַן אַלס זיין און רעגירונגס דאָקטאָר. צו דער זעלבער צייט, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס „נגיד״, גייסטיקער פירער פון די אידן, ניט נאָר אין מצרים, נאָר פונם גאַנצן מזרח. אָבער אויך צו יענער צייט, ווען ער איז געווען פאַרנומען אַלס רעגירונגס־דאָקטאָר, און נאָך מער פון די גרויסע צאָל מענטשן וועלכע זיינען געקומען צו אים זיך קורירן פּריוואַט, פון אַלע שיכטן — אָרים און רייך — האָט ער ניט אָפּגעגעבן דאָס לערנען און שרייבן זיינע ספרים.

דעם רמב״ם׳ס ערשטע ווערק איז געווען „המאור״ (ליכט), וועלכעס האָט באמת שטאַרק באַלויכטן „משנה״; ס׳איז געווען געשריבן אין אַראַביש, און איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרן אין העברייאיש.

נאָך דעם האָט ער געשריבן „משנה־תורה״, וועלכעס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „יד־החזקה״, און באַשטייט פון פערצן ספרים. משנה תורה איז ביז היינט צו טאָג דער „מורה־דרך״ פון יעדן רב און געלערנטן, אָבער די ערשטע צייט האָט ער געהאַט גרויסע געגנער; מ׳האָט אים אפילו באַשולדיקט אַז ער איז אַ פרייַ־דענקער. מ׳האָט אים חושד געווען, אַז מיט זיין רופן די ספרים זיינע „משנה תורה״, איז זיין כוונה געווען אָפּצושאַפן דאָס לערנען פון תלמוד (ווייל מ׳קען זיך באַנוגענען מיט זיין משנה תורה).

דאָס צווייטע גרויסע ווערק, וועלכעס איז אָנגענומען געוואָרן ניט נאָר פון אידן, נאָר אויך פון די גרויסע געלערנטע אַראַבער און קריסטן, איז געווען דער „מורה נבוכים״, וועלכען ער האָט געשריבן אין אַראַביש.

אין דעם „מורה־נבוכים״ פירט ער דורך דעם געדאַנק, אַז „דת און דעת״, ריינער גלויבן און ריינער דענקען, זיינען ניט קיין סתירה איינער צום צווייטן, נאָר זיי שטימען פאָלשטענדיק.

דער „מורה־נבוכים״ באַשטייט פון דריי טיילן. דער ערשטער טייל באַשעפטיקט זיך מיט דער לערע וועגן „געטליכקייט״; דער צווייטער טייל, מיט „בריאת העולם״ און „נבואה״; דער דריטער טייל, מיט „מאָראַל״; ס׳ווערן אין אים אָנגעוויזן די מאָראַלע פליכטן פאַר יעדן מענטשן.

אָבער כאָטש דער „יד־החזקה״ (משנה תורה) איז היינט־צו־טאָג דער וועג־ווייזער (מורה־דרך) פון יעדן רעליגיעזן פירער (רב), און ווערט געלערנט אין אַלע ישיבות, איז אָבער דער „מורה נבוכים״ דאָס פילאָזאָפישע ווערק, וועלכעס ניט אַלע פרומע זיינען גערן צו לערנען — און לערנען טאַקע ניט.

דער רמב״ם האָט אָנגעשריבן נאָך אַ סך ספרים וועגן מעדיצין, מאָראַל און לאָגיק.

אַלס גלויביקער האָט ער געהאַלטן פון תורת־משה און די לערע פון די נביאים. אַלס דענקער, פון דער לערע פון דעם גריכישן פילאָזאָף אַריסטאָטל און זיינע חברים; און כאָטש ער איז געווען באַרימט באַם לעבן אַלס גרויסער לערער און דענקער, אָבער גאָר גרויס איז ער געוואָרן באַרימט נאָך זיין טויט; און ערשט דעמאָלט איז וועגן אים געשאַפן געוואָרן די ווערטער: „ממשה עד משה לא קם כמשה״; ווייל אַחוץ תורה און משנה האָט קיינער ניט געווירקט אויף דעם אידישן רעליגיעזן ווי דער רמב״ם.

ער איז געשטאָרבן צו 69 יאָר, און ס׳האָבן אים באַוויינט די מאַכמאַדאַנער פונקט ווי די אידן. כאָטש ער האָט געלעבט די אַלע יאָרן אין קאַירא, מצרים, אָבער מקבר געווען האָט מען אים אין טבריה, ארץ־ישראל. אין ירושלים האָט מען געמאַכט אַ תענית נאָך דעם גרויסן פאַרלוסט. זיין איינציקער זון האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ אַלס דאָקטאָר אין סולטאַן־הויף און אַלס נגיד פון די אידן פון מצרים; און נאָך היינט־צו־טאָג, צו דער פיערונג

# פסח אין א הייל

(דערציילונג)

פון **בערל סיגאל**



ווען איך בין געווען א יונגער בחור, איז געווען א מלחמה אויף דער וועלט. דאס איז געווען די צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה.

איך בין געווען א סאלדאט אין דער רוסישער ארמיי, און דער שונא איז געווען די ארמיי פון עסטרייך — אונגארן. און געשלאגן האבן מיר זיך איבער א בארג אין די קארפאטן בערג. מיר האבן געוואלט דעם בארג פארנעמען, און די עסטרייכער האבן אונז ניט געלאזט, ווארום די קארפאטן בערג זיינען דאך זייערע.

זיינען מיר געשטאנען איינע קעגן די אנדערע, מיר אויף איין בארג און די עסטרייכער אויף אן אנדער בארג, און געשאסן איינע אויף די אנדערע.

— בום! ב־ו־ו־ם! מיר פון אונזער בארג.

— טראך! ט־ר־א־ך! ענטפערן זיי פון זייער בארג.

אזוי צוויי וואכן נאכאנאנד.

און אין מיטן פון די צוויי בערג איז געלעגן דער טאל. א גרינער טאל, מיט א טייכל אינמיטן, און א דארף איןביידע זייטן טייך.

א גאנצן טאג זיינען מיר געלעגן אין די גריבער און ניט געוואגט ארויסצושטעקן א קאפ. די קוילן פון די גרויסע הארמאטן און פון די מאשין ביקסן זיינען געפלויגן איבער אונז א גאנצן טאג; נאר ביינאכט האט זיך דאס שיסן איינגעשטילט. דעמאלט פלעגן מיר ארויסקריכן פון די גראבנס און שטיין צווישן די ביימער און קוקן אויף די הימלען, און אראפקוקן אין טאל, און אריבערקוקן צו דעם אנדערן בארג פון יענער זייט טאל. עס איז געווען אזוי שטיל און רוהיק צווישן די הויכע, תמיד־גרינע ביימער, אז קיינער וואלט ניט געגלויבט אז עס איז דא אזא זאך ווי א מלחמה אויף דער וועלט און אז דא אונטער די שטערנדיקע הימלען און אין די שיינע בערג ווערט בלוט פארגאסן.

איין נאכט, ווען די לבנה איז געווען א פולע אין די קלארע הימלען, און די שטערן זיינען געווען אזוי פיל ווי די זאמדן אויפן ברעג ים, און די הימלען זיינען געווען לויטער אן א פלעק פון א וואלקן, בין איך געשטאנען אין שאטן פון א בוים אויפן שפיץ בארג און געהיט דעם טאל. איך בין יענע נאכט ארויסגעשיקט געווארן צו זיין א היטער און צו לאזן וויסן אויב איך זע עפעס אין טאל וואס קוקט מיר אויס ווי א געפאר פאר אונז.

בין איך געשטאנען און ניט אראפגענומען קיין אויג פון דעם דארף אין טאל. דאס דארף איז געלעגן פון ביידע ברעגן טייך, אין צוויי לאנגע גאסן. די הייזער זיינען געווען פינסטער און קיין לעבעדיקע באשעפעניש האט מען ניט געזען אין גאס.

איך בין געשטאנען אויף דער וואך און געהיט א טויטן טאל. און ווי איך פיר מיינע אויגן פון איין עק דארף צום אנדערן, דערזע איך צוויי הייזער וואס זיינען גרעסער און אנדערש געבויט פון די אנדערע הייזער אין דארף. דאס ערשטע הויז איז געווען דאס איז געווען דער קלויסטער פון דארף, און ער איז געשטאנען לעבן טייך פון איין זייט דארף. אריבער דעם טייך, און גאר נאענט צום בארג וואו די עסטרייכער זיינען געשטאנען, איז געווען דאס אנדערע הויז וואס האט פארהאלטן מיין אויג. עס איז געווען א הילצערן הויז ניט העכער פון אלע אנדערע הייזער, אבער א סך ברייטער, און א ליידיק פלאץ ווי א סקווער איז געלעגן ארום דעם הויז. און ווען איך האב געקוקט לענגער און אנגעשרענקטער אויף אויף יענעם הויז האב איך דערזען אז די פענסטער זיינען פון קאלירטן גלאז, און אויף איין פענסטער. אויף וועלכן די לבנה שיין איז געפאלן, איז געווען אויסגעקריצט די צוויי הענט פון דעם כהן ווען ער בענטשט דאס פאלק און די צוויי לוחות מיט די צען געבאט.

מיין הארץ האט אנגעהויבן צו קלאפן שנעלער און העכער, גלייך ווי א האמער וואלט זיך צעשאקלט אין מיין ברוסט. אין דעם דארף וואוינען אידן און דאס איז זייער שול.

בין איך געשטאנען אנגעשפארט אין דעם בוים און מיין גאנצער גוף האט געציטערט, און א שרעק און אומעט האבן מיך ארומגעכאפט, און איך האב געטראכט:

„וואו זיינען די אידן פון דעם דארף? וויפיל זיינען געפאלן פון אונזערע קוילן? און אפשר פון מיינער א קויל אויך?"

און די לבנה האט געשוועבט איבערן הימל, און די תמיד־גרינע ביימער האבן זיך לייכט באוועגט אין א נאכט ווינטל, און מיינע אויגן האבן געהיט דאס דארף פון איין עק ביז צום אנדערן, און אלעמאל האבן זיי זיך אפגעשטעלט אויף די לאנגע קאלירטע פענסטער פון דער שול, מיט די הענט פון כוהן און די צוויי לוחות פון די צען געבאטן איינגעקריצט אין גלאז.

יענע נאכט האב איך קיין אויג ניט צוגעמאכט אפילו ווען מיין וואך האט זיך געביטן, און איך בין געלעגן אויפן שטרוי זאק אין מיין שוץ־גרוב. איך האב געזען מיין אייגן שטעטל וואס איך האב איבערגעלאזט צו גיין אין מלחמה איבער א בארג. איך האב געזען די גאסן פון מיין שטעטל, און יעדעס הויז, און דעם טייך, און דעם וואלד, און די אלטע שול ביים ברעג טייך.

ערשט ווען עס האט געבלויט אין דרויסן האבן זיך מיינע אויגן געקלעפט און א שלאף איז געקומען איבער מיינע גלידער. נאר מיטן טאג גלייך האט זיך אנגעהויבן דאס שיסן. ווי אלע טאג. מיטן אויפגאנג פון דער זון, האבן אונזערע הארמאטן ארויסגעשאסן זייער ערשטן בום צו דעם בארג פון יענער זייט טאל:

— בום, ב־ו־ו־ם! א גוט מארגן!

און נאכן דריטן אויסשאס איז געפאלן א שווערע שטילקייט איבער די בערג. און איך וויים ניט צי דאס שיסן פון די הארמאטן, צי די שטילקייט, האט מיך אויפגעוועקט. איך האב געטראפן אלע מיינע חברים שטיין מיט אנגעשטרענגטע אויערן און מיט איינגעהאלטענע אטעמס.

די הארמאטן אונזערע האבן ווידער אויסגעשאסן, און ווידער טיפע שטילקייט. קיינער ענטפערט ניט אפ צוריק פון דעם אנדערן בארג אויף יענער זייט טאל; און עס איז געווען גלייך ווי אונזערע הארמאטן האבן מיטאמאל דערפילט ווי נאריש עס איז צו שיסן און ניט הערן קיין ענטפער אויסער אן עכא פון אייגענעם קול. האט מען ארויסגעשיקט פאטרולן צו זען און צו ברענגען אן ענפער וואו איז דער שונא און פארוואס ענפערט ער ניט?

ארום מיטאג צייט האבן זיך די פאטרולן אומגעקערט מיט די נייס: דער שונא איז נישטא, ניט אין טאל, ניט אין די בערג. די עסטרייכער האבן אפגעטראטן.

האבן מיר באקומען א באפעל אז מיר זאלן אראפנידערן אין טאל און אים פארנעמען. האבן מיר זיך אראפגעלאזט בארג אראפ צווישן די ביימער, געמאכט עטלעכע טריט און זיך אפגעשטעלט צו זען און צו הערן צי איז עס זיכער ווי די פאטרולן האבן געזאגט. טאמער איז עס ניט מער ווי א שפיצל? טאמער ווערן מיר פארנארט?

אזוי טריט נאך טריט פון בוים צו בוים, בארג אראפ, ביז מיר האבן דערגרייכט דעם טאל און דאס דארף וואס מיר האבן געזען פון דערווייטן צוויי וואכן צייט.

מיר האבן אנגעקלאפט אין די הייזער, נאר קיינער האט ניט געענטפערט. די טירן זיינען אפן און קיין לעבעדיק באשעפעניש זעט מען ניט — ניט אין די הייזער, ניט אין די גאסן פון דארף.

תל אביב, די אינטערנעשאנאל פאַך־שול אין חיפה, די אמאַלגע־מייטער שול אין ירושלים.

### וואוינונגען פאַר די איינזאַמע מענטשן

די רעגירונג און די אגענץ שטעלן צו וואוינונגען נאָר פאַר עולים מיט משפחות. עס איז אָבער פאַראַן א גרויסע צאָל צווישן די נייע עולים פון איינצלנע איינזאַמע מענטשן. די הסתדרות באַזאָרגט, מיט דער הילף פון דער אגענץ, צענדליקער וואוינונגען פאַר די דאָזיקע איינזאַמע מענטשן. מיר ווילן זיך דאָ נישט פאַר־נעמען מיט דעם גרויסן אויפטו פון דער הסתדרות׳ישער טעטיקייט אויף דעם געביט פון בויען הייזער, ווי „שיכון" און „נוה עובד", וואָס האָבן שוין אויפגעבויט גאַנצע שטעטלעך פאַר וותיקים און אזוי ארום געלינדערט די וואוינונגס־נויט אין לאַנד.

### דערציאונג און זאָרג פאַר קינדער

דער דערציאונגס־סיסטעם אין ישראל איז, ווי באַוואוסט, גע־ענדערט געוואָרן. אנשטאַט עטלעכע שול־סיסטעמען, איז היינט דאָ איין אלגעמיינער סיסטעם פון דער רעגירונג. אָבער איידער די דאָזיקע ענדערונג איז פאָרגעקומען, איז די הסתדרות׳ישע נעץ פון שולן געווען די גרעסטע אין לאַנד; און אויך איצט, נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט איבערגענומען די שולן פון אלע ריכטונגען, ספּעציעל א סך אויפמערקזאַמקייט גיט אָפּ די הסתדרות דער פראַגע פון דערציען קינדער ביז זעקס יאָר (די רעגירונג איז בלויז פאַר־אנטוואָרטלעך פאַר דער דערציאונג פון קינדער פון זעקס יאָר און העכער).

די הסתדרות האַלט אויס א נעץ פון קינדער־גערטנער און טאָג־נוירסעריס פאַר קינדער, וואָס זייערע מאַמעס ארבעטן אין משך פון טאָג.

### קולטור - טעטיקייט

מיר האָבן שוין ביי פאַרשידענע אנדערע געלעגנהייטן אָנגע־וויזן, אז די קולטורעלע אבסאָרבירונג פון די נייע עולים איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי די עקאָנאָמישע, נעמענדיק אין אכט אז די נייע אימיגראַנטן באַשטייען פון 22 שבטים, געקומען פון 60 לענדער, רעדן אויף פאַרשידענע שפּראַכן, קומען פון פאַרשידענע קולטורן און סאָציאַלע סביבות.

די הסתדרות פירט א פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט אין אלע פונקטן, וואו עס געפינען זיך נאָר נייע עולים. זי האָט איינ־געאָרדנט קלובן, קולטור־הייזער, ביבליאָטעקן. אָוונט־קורסן פאַר העברעאיש, א. א. וו. די הסתדרות האָט ספּעציעל באַשטייערט אירע איינענע מיטגלידער פאַר דעם צוועק. חוץ דער הילף וואָס זי קריגט פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין פון אמעריקע כדי אויפ־צובויען א נעץ פון קולטור־אנשטאַלטן איבערן לאַנד. די הסתדרות האָט געגרינדעט ספּעציעלע ארבעטער־אוניווערזיטעטן אין תל־אביב, ירושלים, חיפה, כדי אויסצובילדן ארבעטער־טוער און פירער פון די נייע עולים גופא, ספּעציעל פון די מזרח־עדות. זי גיט ארויס א טאָג־צייטונג מיט נקודות, „אמר", וואָס האָט די גרעסטע צירקולאַציע אין לאַנד, וואָס דערמעגלעכט שטופּנווייז, ספּעציעל די פון די מזרח־לענדער וואָס קענען נישט קיין יידיש, צו לייענען א צייטונג.

אין סך הכל: די הסתדרות באַגלייט דעם נייעם עולה פון דעם ערשטן טאָג פון זיין קומען אין לאַנד. זי העלפט און זי פירט אים טריט ביי טריט ביז זיין פולשטענדיקער איינגלידערונג אין דעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד. אירע אינסטיטוציעס העלפן דער רעגירונג און דער אגענץ אין דער אבסאָרבירונג פון די עולים און זי איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר וואָס אנטוויקלט ביי דעם עולה זיין געפיל אלס בירגער פון לאַנד. אין דער הסתדרות געפינט דער עולה זיין היים, צו איר ווענדט ער זיך מיט אלע זיינע פּראָבלעמען, און דער רעזולטאַט איז אז 75 פּראָצענט פון אלע ארבעטנדיקע עלעמענטן פון דער נייער אימיגראַציע זיינען מיטגלידער פון דער הסתדרות.

דער פאַקט וואָס אזא מענטשן־שטויב־מאַטעריאַל פון וועלכע דער גרעסטער טייל עולים באַשטייט — פון עלעמענטן וואָס זיינען געקומען פון קולטורעל נידעריקער שטופע פון די מזרח־לענדער, פון פעאָדאַלע סביבות, האָבן אָן שום ספּעציעלער אגיטאַציע גע־פונען זייער וועג צו דער הסתדרות, איז דער בעסטער באַווייז וועגן דער געוואַלדיקער הילף וואָס די הסתדרות גיט דעם נייעם אימיגראַנט.

מיר ווילן גלויבן, אז מיר האָבן מיט די דאָזיקע שורות פאַר־ענטפערט די פראַגע, וואָס א טייל פון אונזערע פריינט שטעלט אונז פון צייט־צו־צייט.

מיר ווילן נאָך צוגעבן, אז די געלטער פון געווערקשאַפט, קאַמפּיין גייען אויסשליסלעך פאַר די צוועקן און פאַר די אינסטי־טוציעס פון דער הסתדרות, וואָס פאַרנעמען זיך מיט העלפן דעם נייעם עולה זיך איינאָרדענען אין לאַנד.

דער פּראָצעס פון אינטעגרירן דעם נייעם עולה, פון מאַכן אים פאַר א פּראָדוקטיוון עלעמענט, אויפהויבן אים אויף א קול־טורעלער מדרגה און נישט דערלאָזן אז ישראל זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין א לעוואַנטישן שטאַט, איז א לאַנגזאַמער און שווערער, און עס וועט דאַרפן נעמען דורות כדי די פּראָבלעמען, וועלכע זיינען דערמיט פאַרבונדן, זאָלן געלייזט ווערן.

די הסתדרות מוז האָבן אונז, אמעריקאַנער פריינט פון דער הסתדרות, ווי שותפים אין דער דאָזיקער היסטאָרישער ארבעט. אָן אונז קענען זיי די גרויסע פּראָבלעמען נישט לייזן און זיי זיינען אויך נישט בכוח אליין דאָס צו דערגרייכן.



# די ראָל פון דער הסתדרות ביים אַבזאָרבירן די נייע עליה

פון ישראל סטאָלאַרסקי

פון צייט־צו־צייט פרעגן אונזערע פריינט, צי איז טאַקע די הסתדרות א וויכטיקער פאַקטאָר אין דער אבסאָרבירונג פון דער נייער עליה און וואָס זיינען אירע טעטיקייטן אויף דעם געביט? פון דער פראַגע ווערט קלאָר, אז א סך פון זיי דענקען, אז די לאַסט פון דער אבסאָרבירונג פון דער נייער עליה ליגט אויסשליסלעך אויף דער רעגירונג און אויף דער יידישער אגענץ.

עס איז אמת, אז קיין שום פרייוויליקע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, איינגעשלאָסן די הסתדרות, קען אויף זיך נישט נעמען מלוכהשע אויפגאַבן אין אַזאַ פאַרנעם ווי עס טוט די רעגירונג אָדער די אגענץ. פון דער אַנדערער זייט, דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן אז די אַרבעט פון דער רעגירונג און אגענץ אין דער אבסאָרבירונג פון דער עליה וואָלט נישט דערגרייכט איר ציל אויב זיי וואָלטן זיך נישט געשטיצט אויף די געזעלשאַפטלעכע כוחות צווישן וועלכע די הסתדרות פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט. אין די ווייטערדיקע שורות וועלן מיר אָנצייכענען די וויכטיקסטע טעטיקייטן פון דער הסתדרות אין דער אבסאָרבירונג פון דער נייער עליה. מיר וועלן בלויז מאַכן א קורצן איבערבליק און איבערגעבן דאָס טעלעגראַפמעסיק.

## קופת־חולים

איינע פון די וויכטיקסטע אַנשטאַלטן מיט וועלכע דער נייער אימיגראַנט קומט אין באַרירונג גלייך ווי ער קומט אָן אין לאַנד איז קופת־חולים. קופת־חולים אונטערזוכט אַלע נייע אימיגראַנטן גלייך ווי זיי קומען אָן אין חיפה'ער פאָרט אָדער אויפן לופטפעלד אין לוד. די דאָזיקע אונטערזוכונג איז א גרינטלעכע, נעמט אַריין עקס־רעי, בלוט אונטערזוכונג, א. א. וו. אַלע אימיגראַנטן זיינען פאַרזיכערט אויף דריי חדשים אין קופת־חולים פאַר יעדער קראַנקהייט אָן שום אָפּצאָל און זיינען באַרעכטיקט אין משך פון דער צייט צו אַלזייטיקער מעדיצינישער באַהאַנדלונג און האָספּיטאַליזאַציע. אין אַלע ישובים פון די נייע עולים און די מעברות האָט קופת־חולים אויפגעשטעלט קליניקס און מעדיצינישע אַנשטאַלטן און זי באַזאָרגט מעדיצינישע הילף אין די ווייטסטע, פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך אין לאַנד.

כדי דאָס צו דערגרייכן מוז די קופת־חולים אויסגעבן גרויסע סומען געלט, בויען נייע מעדיצינישע אַנשטאַלטן, אַנשטעלן דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, וועלכע זאָלן וועלן גיין אין די ווייטסטע פונקטן. קופת־חולים האָט א מעדיצינישע און טעכנישן פערסאָנאַל פון איבער זעקס טויזנט פערזאָן מיט א בודזשעט פון 40 מיליאָן פונט.

קופת־חולים שטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון דער נייער אימיגראַציע אירע 820 קליניקס, 14 שפּיטאָלן, 12 דערהאָלונגס און אָפּרו־היימען, 185 זויגלינג־און־קינדער־אינסטיטוציעס. נאָר א דאַנק דער דאָזיקער הילף פון קופת־חולים, וואָס גיט אויס פאַר די נייע עולים אַרום פינף מיליאָן פונט יערלעך, איז מעגלעך אויסצוהאַלטן דעם געזונט־צושטאַנד פון דער ישראל באַפעלקערונג אויף אַזאַ הויך. מען מוז נעמען אין אַכט אז דער נייער עולה, ספּעציעל פון די מזרח־לענדער, האָט געבראַכט מיט זיך קראַנקייטן פון וועלכע דער עלטערער ישוב האָט נישט געוואוסט.

דער עול פון באַזאָרגן אַרבעט פאַר די נייע עולים פאַלט הויפּטזעכלעך אויף דער הסתדרות. עס עקזיסטירט טאַקע אַן אַלגעמיינע אַרבעטס־פאַרמיטלונגס־ביוראָ, צו וועלכער עס געהערן אויך הפּועל המזרחי און פּועלי אגודת ישראל, אָבער צוליב דעם וואָס די הסתדרות נעמט אַרום 80 פּראָצענט פון אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער פאַלט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט הויפּטזעכלעך אויף דער הסתדרות. הסתדרות באַנוגנט זיך נישט בלויז מיט פאַרטיילן די אַרבעט, נאָר שאַפט נייע פּראָיעקטן מיט נייע אַרבעטס־פּלעצער. אין דעם פאַל איז „סולל בונה" דער וויכטיקער פאַקטאָר אין שאַפן עפנטלעכע אַרבעטן אין דער בוי־אינדוסטריע. צווישן די 40

א צווייטער וויכטיקער פאַקטאָר איז הס"ל, וואָס איז א שותפותדיקע געזעלשאַפט פון דער הסתדרות און דער אגענץ, און באַשעפטיקט זיך מיט באַאַרבעטן פּרדסים, גרינסן גערטנער און פאַר צופּאַסן דאָס פאַרוואָרלאָזטע לאַנד פאַר אַגריקולטור. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט אין דער לעצטער צייט געשאַפן מיליאָנען אַרבעטס־טעג פאַר די נייע עולים.

## עקאָנאָמיש־קאָנסטרוקטיווע טעטיקייט

די הסתדרות באַטראַכט פאַר איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן אירע צו פאַרגרעסערן די צאָל פּראָדוקטיווע עלעמענטן צווישן די נייע אימיגראַנטן. אין דער ערשטער רייע קומען אין באַטראַכט די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און דאָס אינטעגרירן די נייע עולים אין די קבוצות, קיבוצים און באַזונדערס אין מושבים. אין די קיבוצים, און באַזונדערס אין די מושבים, העלפט די הסתדרות די נייע עולים אין אַגריקולטורעלער טרענירונג, באַזאָרגט זריעה, מאַשינען און פאַרשידענע מכשירים. זי זאָרגט אויך שטאַרק פאַר צושטעלן וואַסער (איריגאַציע).

כדי צו סטימולירן דאָס גיין פון די נייע עולים אין דאָרף האָט די הסתדרות איינגעאָרדענט אַגריקולטור־צענטערן אַרום די שטעט. זיי ווערן אָנגערופן אין העברעאיש „משקי־עזר". מיט די אַגריקולטור־צענטערן באַצוועקט מען דאָס געווינען די עולים פאַר וועלכע די שטאָט האָט א באַזונדערן צוציאונגס־כוח, כדי צו באַווירקן די דאָזיקע שטאָטישע עלעמענטן צו גיין אין דאָרף.

אויף אַן אַנדער שטח אַרבעט דער קאָנסטרוקטיווער פאָנד פון דער הסתדרות בשותפות מיט דער רעגירונג. דער ציל פון דער אינסטיטוציע איז צו העלפן דורך הלוואות, גרינדן קאָאָפּעראַטיוון פאַר נייע עולים און געבן זיי א מעגלעכקייט צו זיין פּראָדוקטיווע. די הלוואות ווערן געגעבן אויף א צייט פון דריי ביז פינף יאָר אויף א פאַרהעלטניסמעסיק קליינעם פּראָצענט.

## הסתדרות — אַ פאַקטאָר אין אַנטוויקלונג פון לאַנד

דער עיקר ציל אין אבסאָרבירן פון דער נייער אימיגראַציע איז צו פאַנאַנדערשפּרייטן זי איבערן לאַנד און נישט לאָזן זי זאָל זיך קאָנצענטרירן נאָר אין די שטעט. אין דער וויכטיקער פונקציע שפּילט די הסתדרות א גרויסע, היסטאָרישע ראָל ביים דערמעגלעכן דורכצופירן די דאָזיקע אַנטוויקלונג.

פּאָדרוים פאַר יעדער גרופּע, וואָס גייט אויפן לאַנד זיך באַזעצן, גייט די געזעלשאַפט „מקורות", וואָס שטעלט צו וואַסער פאַר די נייע ישובים.

די הסתדרות איז אויך דער פּיאָנער אויף דעם געביט פון אַנטוויקלען די אינדוסטריע אין די נייע שטעט, ווי אין באר־שבע, בירת־הנגב, מגדל־אשקלון, רמלה און אַנדערע. עס ווערן אויפגעבויט גרויסע הסתדרות'שע אַנשטאַלטן, ווי גרויסע גלאָז־פאַבריקן, בעקערייען, פאַבריק פאַר רערן, כעמישע פאַבריקן, א. א. וו.

דאָס זיינען בולטע ביישפּילן וואָס באַווייזן, אז אין די אַלע נייע שטעט איז די הסתדרות די וואָס טרעט אויס דעם וועג פאַר דער אַנטוויקלונג פון די שטעט און זי רעגולירט ווענן דער אַנטוויקלונג און דער צוקונפט פון די נייע פונקטן.

## פאַך־בילדונג

די בוי־אַרבעטער פון דער הסתדרות האָבן אויסגעבילדעט אַרום 15 טויזנט נייע עולים אין די בוי־פאַכן און טויזנטער פון זיי אין אַנדערע צווייגן. טויזנטער יוגנטלעכע בחורים און מיידלעך לערנען היינט־צו־טאָג אין די פאַך־קורסן, וועלכע די הסתדרות האָט געגרינדעט. זיי נעמען אַרום פאַרשידענע פאַכן, צווישן זיי אויך קראַנקן־שוועסטער און לערער, א. א. וו.

אחוץ דער פאַך־אויסבילדונג פון „סולל־בונה" און פון די ניי־געגרינדעטע פאַך־קורסן, איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אויף

ריקאַנער פּועלי ציון פּאַרטיי, אַז זיי זאָלן קענען פייערן דעם 50־יאָריקן יובל מיט גרויס אַנערקענונג פון געגנער ווי פון פריינט צו גלייך.

## דער דריטער סדר

די היינטיקס־יאָריקע פייערונג פון דעם דריטן סדר איז אַ דאָפּלטע שמחה — דאָס ערשטע, די פייערונג פון דעם פופציק־יאָריקן יובל פון די פּועלי ציון, און די יערלעכע הסתדרות פייערונג, זונטיק אָוונט, דעם 10טן אַפּריל, אין נאַראַגאַנסעט האָטעל.

דער גאַסט־רעדנער וועט זיין דער באַוואוסטער דינאַמישער רעדנער ראובן דפני, קאָנסול פון מדינת ישראל.

די געסט אַרטיסטן וועלן זיין די ארץ־ישראל אַרטיסטן: שרה אביגדורי סערשקא און חיים פערשקא. אַזעלכע באַגאַבטע אַרטיסטן, מיט אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי ראובן דפני אַלס רעדנער, וועלן זיכער צוגעבן צום דריטן סדר די גייסטרייכע אַטמאָספערע וועלכע מיר זיינען געוואוינט צו האָבן באַ אַ דריטן סדר פייערונג.

מיר מוזן געדענקען, אַז וואָס גרעסער די הסתדרות ווערט פון טאָג־צו־טאָג, וואָס גרעסער איר מיטאַרבעטשאַפט איז מיט מדינת ישראל, אַזוי אויך ווערט גרעסער די קנאה און שנאה צו דער הסתדרות פון דער געגנערשאַפט פון אַנדערע פּאַרטייען. דאַרום איז היינט־צו־טאָג וויכטיק די מאָראַלע שטיצע צו דער הסתדרות פונקט ווי די פינאַנציעלע שטיצע.

דאַרום דאַרף דער דריטער סדר, וועלכער ווערט געפייערט לכבוד דער הסתדרות, זיין וואָס גרעסער און אימפּאָזאַנטער.

## דער נאַציאָנאַל פאָנד
### (קרן־קימת)

זייענדיק לעצטן יאָר אין מדינת ישראל, האָב איך אַ סך געלערנט וועגן די דערגרייכונגען פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, וועלכע ער האָט געמאַכט די לעצטע יאָרן. אָבער נאָך מער אינטערעסאַנט איז געווען צו לערנען, אַז דער נאַציאָנאַל פאָנד איז כמעט דער איינציקער פאָנד וועלכער האָט ניט קיין געגנערשאַפט, ווייל די אַלע קבוצות, די אַלע גרויסע בנינים פון די אַלע אינסטיטוציעס, אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי צי גרופּע, וואָלט ניט מעגלעך געווען ווען דער נאַציאָנאַל פאָנד גיט ניט דאָס לאַנד, וועלכעס איז דער אָנהויב פון יעדער וויכטיקער אונטערנעמונג.

די הונדערטער־טויזנטער בוימער, וועלכע ווערן געפלאַנצט פון טאָג־צו־טאָג, וועלכע זיינען נויטיק פאַר דעם לאַנד, וואָלט קיינמאָל ניט געקענט דורכגעפירט ווערן אויף אַזאַ גרויסן מאַסשטאַב ווען ניט דער נאַציאָנאַל פאָנד.

דאַרום ליגט אויף אונז אַ חוב צו אַלע צייטן צו געדענקען, אַז אָן דעם נאַציאָנאַל פאָנד וואָלט ניט מעגלעך געווען די אַלע דערגרייכונגען און צו שטיצן דעם „גאָלדענעם בוך", דעם „ספר הילד", און אויף די בלויע נאַציאָנאַל פאָנד פּושקעס קען געזאָגט ווערן: „אל תהיה מצווה קטנה קלה בעיניך".

## באַנדס פאַר ישראל

די עקאָנאָמישע לאַגע וועט קיינמאָל ניט דערגרייכט ווערן ביז אחינו בני ישראל וועלן לערנען פון האָבן צוטרויען צום הייליקן צוזאָג פון מדינת ישראל באַנדס, ווייל וואָס גרעסער דאָס לאַנד ווערט אַזוי ווערט גרעסער די באַדערפעניש פון טאָג־טעגלעכע אינוועסטמענטס, וועלכע, ווי גרויס די טעקסעס זאָלן ניט זיין, איז ניט מעגלעך דורכצופירן אָן אַ הלוואה פון צייט־צו־צייט.

אונזערע געבענטשטע „יונייטעד סטייטס" אַדווערטייזט פון טאָג־צו־טאָג און בעט מ'זאָל קויפן רעגירונגס־באַנדס, אָן וועלכע מ'קען ניט מאַכן די פאַרבעסערונגען אין לאַנד וועלכע זיינען נויטיק.

דאַרום מוז דער פאַרקויף פון מדינת ישראל באַנדס פאַרגרעסערט ווערן פון יאָר־צו־יאָר.

די צוגרייטונגען וועלכע ווערן געמאַכט פאַר דעם 27טן אַפּריל, וואו די גרינדונג פון מדינת ישראל וועט געפייערט ווערן פון „באַנד־קויפער", דאַרף זיין אַ גרויסער דערפאָלג. דאָס וועט זיין דער בעסטער ענטפער צו די שונאים פון מדינת ישראל, פון וועלכע די גרעסטע שונאים, די אַראַבער, וועלן לערנען, אַז מדינת ישראל שטעהט ניט אַליין, און האָט זיך אויף וועמען צו שטיצן.

## יום העצמאות

די צוגרייטונג פון דער פייערונג פון דעם „יום העצמאות" הורך דעם ציוניסטישן קאָנסול, אין וועלכע אַלע ציוניסטישע גרופּן זיינען אָנגעשלאָסן, דאַרף באַגריסט ווערן, ווייל דאָס יאָר איז פון גרויס וויכטיקייט צו קומען צו דער פייערונג פאַראייניקט, און צו געבן אָן ענטפער אויף אָן אימפּאָזאַנט, מאַסשטאַב צו אַלע געגנער, אָפענע און פאַרשטעלטע, און צו דערקלערן אַז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום איז פאַראייניקט און שטעהט פעסט צו געבן מאָראַלע שטיצע און פינאַנציעלע צו מדינת ישראל; און וועט צו אַלע צייטן העלפן אָפּוואַרפן די אַלע בלבולים וועלכע ווערן געמאַכט פון טאָג־צו־טאָג.

די רעדנער היינטיקס יאָר, וועלכע פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דעם אידישן און אַמעריקאַנעם לעבן, דאַרפן איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַקאַנט מאַכן, אַז די שנאה וועלכע ווערט פאַרשפּרייט פון טאָג־צו־טאָג, וועט ניט אָפּשוואַכן אונזער איבערגעבנהייט צו מדינת ישראל, און אָנווייזן אונזערע דיפּלאָמאַטישע רעגירונגס פאַרשטייער אויף פאַלשע וועגן מיט וועלכע זיי באַציען זיך צו די גערעכטע טענות וועלכע מדינת ישראל ברענגט פאַר זיי פון צייט־צו צייט

## די אידישע בעקער יוניאָן

ס'געפינען זיך פילע מענטשן וועלכע פרעגן, וואָס איז געווען דער כוח פון דער אידישער בעקער יוניאָן וואָס זי עקזיסטירט, ווען אַנדערע אידישע יוניאָנס וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט, זיינען אונטערגעגאַנגען; און זי, די קלענסטע יוניאָן, איז געבליבן לעבן און עקזיסטירן ?

דער לאָגישער ענטפער — דער ריכטיקער ענטפער — איז דאָ נאָר איינער: דאָס אַדרעסירן איינער דעם צווייטן באַ די מיטינגען „ברודער", איז געוואָרן אַ טייל פון זיי זעלבסט. דאָס געטרייעשאַפט פון איינעם צום צווייטן, דאָס טיילן זיך מיט אַ טאָג אַרבעט אין אַ צייט ווען די וועכענטלעכע ווייזשעס זיינען ניט געווען צו גרויס, דאָס אָפּרופן זיך אויף יעדער אידישער געזעלשאַפטלעכער אונטערנעמונג, און שטיצן צייטנווייז אַפילו מער ווי מ'האָט געקענט; דאָס איז געווען דער כוח וועלכער האָט געהאַלטן די יוניאָן מעמבערס אין די ערגסטע צייטן, און דאַרום האָבן זיי געקראָגן די אַכטונג פון דער אידישער באַפעלקערונג באַ אונז אין שטאָט.

יאָ, זיי האָבן פאַרדינט די אונטערשטיצונג פון דעם פּובליקום אין אַלע צייטן; און זיי וועלן ווייטער אויך קריגן די אונטער־

# פּראָווידענסער פּסח־בלאַט

אַרויסגעגעבן פון
פועלי ציון    פרויען פּיאָנערן קלוב
אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד
הענרי בוירט צווייג פּועלי־ציון    בן־גוריון בּרענטש 41־בי

אַלטער בוימאַן, רעדאַקטאָר

## פופציק יאָר פועלי ציון

מיט דער גרינדונג פון דער פועלי ציון פּאַרטיי, איז באַלד געוואָרן אַ איבערברוך אין אידישן פאָלקס־לעבן אין אַמעריקע, ווייל דער צוגאַנג פון די פועלי ציון צום היגן אידישן לעבן איז גלייך פונם אָנהויב געווען אַ פּאָזיטיווער, בעת די אידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וועלכע זיינען אין יענער צייט געווען די וואָרט־זאָגער אויף דער אידישער גאַס, זיינען געווען גלייכגילטיק צו אידישע פּראָבלעמען.

די פועלי ציון זיינען גלייך פון אָנהויב געוואָרן די וועקער, און גערופן צו אַ אידישן נאָרמאַלן לעבן אין אַלע הינזיכטן, און זיי האָבן דערקלערט: **„דער איד האָט ספּעציעלע נאַציאָנאַלע אינטערעסן צו פּאַרטיידיקן און ספּעציעלע פּראָבלעמען צו לייזן, וועלכע קיינע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן קענען זיי ניט פאַרענטפערן"** און נאָר דער געזונטער קרעפטיקער נאַציאָנאַליזם, געבויט אויף זעלבסט־אַכטונג, און זעלבסט באַוואוסט־זיין, און אין דער זעלבער צייט, אויף דעמאָקראַטישע יסודות, קען געבן אַ ריכטיקן ענטפער. און מיר האָבן געזען, אַז ווי באַלד דער „אידישער קעמפער" איז געשאַפן געוואָרן, איז ער גלייך פונם אָנהויב געוואָרן מער ווי אַ פּאַרטיי־צייטונג, וועלכע רעדט אויף אידיש צו אירע מיטגלידער דערפאַר ווייל זיי פאַרשטייען ניט קיין אַנדער שפּראַך, נאָר דער „קעמפער" איז באַלד געוואָרן אַ קולטור־שאַפער, מיט אַ באַציהונג צו אונזערע קולטור אוצרות, און די אינטעליגענץ האָט זיך באַלד דערנענטערט צו דער צייטונג, און די בעסטע אידישע שרייבער־דענקער זיינען געוואָרן די מיט־אַרבעטער.

די אידיש־וועלטלעכע שולן, וועלכע זיינען היינט־צו־טאָג פאַרשפּרייט איבער אַמעריקא און קאַנאַדא, זיינען געשאַפן געוואָרן דורך די פועלי ציון; און די ערשטע נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלע שולע איז געשאַפן געוואָרן אין 1910 דורך די פועלי ציון. אויך דער אידישער לערער סעמינאַר, וועלכער איז די ערשטע צייט געווען אַ נייעס אויף דער אידישער גאַס, פונקט ווי די שולן, איז געגרינדעט און אויסגעהאַלטן געוואָרן פון די פועלי ציון די ערשטע צייט.

דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, אַ פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציע, מיט אַלע וויכטיקע פאַרזיכערונגען פאַר דעם מיטגליד און זיין פאַמיליע, וועלכער האָט באַלד פונם אָנהויב פאַראינטערעסירט דעם אינטעליגענטן אידן און פאָלקס מענטש, ווייל ער איז געגרינדעט געוואָרן אויף אַ פּלאַטפאָרמע פון ציוניסטישע־סאָציאַליסטישע־קולטורעלע (אידיש און העברייאיש) יסודות, איז געגרינדעט געוואָרן פון די פועלי ציון, באַלד פון אָנהויב.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די „פּיפּלס־רעליעף" איז געגרינדעט געוואָרן, וועלכער האָט צוגעגעבן כבוד דער אידישער גאַס, זיינען די פועלי ציון געווען ניט נאָר פון די מיט־גרינדער, נאָר די אַקטיוויסטן וואָלט קיין אידישער קאָנגרעס, וועלכער האָט די ערשטע צייט פאַראייניקט אַלע שיכטן, ניט געווען געגרינדעט געוואָרן.

די אַרבעט פאַר ציוניזם, די אַרבעט פאַר ארץ ישראל, וועלכע איז אין יענער צייט געווען פרעמד דער אידישער גאַס; ווען ציוניזם בכלל, און פועלי ציוניזם בפרט איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ „אוטאָפּיע", זיינען די פועלי ציון געווען די גרעסטע פאַרשפּרייטער און אַגיטאַטאָרס פון דעם אידעאַל, און האָבן פון טאָג־צו־טאָג, פון יאָר־צו־יאָר, געהאַט וואָס אַמאָל אַ גרעסערע ווירקונג.

דער אידישער לעגיאָן איז איינער פון די שענסטע קאַפּיטלעך פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקא, ווייל די גרעסטע צאָל פון די גרינדער פונם לעגיאָן, און די גרעסטע צאָל פון די וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אידישן לעגיאָן, זיינען געקומען פון די רייען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג.

די פועלי ציון פּאַרטיי מעג זיין שטאָלץ מיט אירע דערגרייכונגען אין די לעצטע פופציק יאָר; נאָך מער, ווייל די אַלע שטערונגען און צייטנווייז די אַלע אַנטוישונגען, האָבן ניט אָפּגעשוואַכט די ענערגיע און דעם מוט, און זי איז די איינציקע אידישע אַרבעטער פּאַרטיי, וועלכע האָט דאָס גליק, מיט שטאָלץ און צופרידנהייט צו קוקן אויף צוריק, און צו זיין אַ וויכטיקער שותף צו דער דערגרייכונג וועלכע הייסט „מדינת ישראל".

דער היגער פועלי ציון פאַראיין האָט געוויס אַ רעכט זיך צו רעכענען פון די וויכטיקע מחותנים צו דעם פופציקיאָריקן יובל, ניט נאָר וואָס זייער „טשאַרטער" געהט צוריק אַזוי ווייט ווי דעם יאָר 1909, נאָר ווייל אין 1904 איז שוין דאָ בא אונז געווען אַ פועלי ציון פאַראיין, וועלכער איז געווען אַ „יחוד במינו", ער האָט זיך גערופן „חברה פועלי ציון", און האָט געהאַט אַ 100 פּראָצענטיקע אָרטאָדאָקסישע שול. די חברים פון דעם פאַראיין זיינען געווען רעליגיעזע סאָציאַליסטן־ציוניסטן. דער חזן פון שול איז געווען אַ אינטעליגענטער איד און אַ חבר פון די פועלי ציון. נאָך די 1905 פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן פאַרגרעסערט דעם שטראָם פון אימיגראַציע און האָט געבראַכט אַ יונגע גרופּע פועלי ציון פון רוסלאַנד, האָט זיך דער פאַראיין אָנגעשלאָסן אין דער אָפיציעלער אַמעריקאַנער פועלי ציון פּאַרטיי.

די ערשטע מיטגלידער פון דעם פועלי ציון פאַראיין זיינען געווען די גרעסטע צאָל שומרי־שבת, און כאָטש זיי זיינען געווען אַרבעטער און בעלי־מלאכות, ווען שמירת שבת האָט געשטערט צו פּרנסה, אָבער זיי האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן; צו דער זעלבער צייט זיינען זיי געווען טאָלעראַנט ניט צו וועלן אַרויפצווינגען זייערע געדאַנקען אויף אַ צווייטן; און זיי האָבן פאַר אַ לאַנגער צייט באַלאַנגט צוזאַמען מיט די נייע אַריבערגעקומענע, וועלכע, וועלכע זיינען שוין געווען פרייער.

איך פיל אַז ס'איז מיין חוב צו פאַרצייכענען דעם לעצטן פון דער גרופּע, וועלכער איז געשטאַנען מיט אונז אין די רייען פון די פועלי ציון ביז צוריק מיט עטלעכע יאָר, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל, און דאָס איז חבר היים משה קאהן, נאָכגעקומען אַלע פועלי ציון פאָדערונגען, פאַרשפּרייטער פון פועלי ציוניסטישע ליטעראַטור און, צו דער זעלבער צייט, אַ הונדערט פּראָצענטיקער שומר־שבת.

# ירושת אבות

מזכרונות ימי ילדותי

מאת **יפה מאבלוויק קליין**

יושבת אני בין השמשות בדמדומי לי שבת ימהכה בעצב מתוך לנצנוץ הראשון של שלשה הכוכבים שיבדילו בין קדושת השבת העוברת לאט לאט להמולת החול הממשמש יבא. ובדמט, מעלה אני על זכרוני את אמי הצדקנית ואת תנועות ידיה הדקות והענוגות, בעמד לפני החלון, מציצה דרך הזגוגית לראות אותם הכוכבים הרחוקים המבשרים „שבוע טוב״. ובלחשה „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב״ שפכה את מתיקות חייה, את ברכות לבביה על כל העולם כלו, על משפחתה, על קרוביה, על שכניה הגדים אתה בשכונה בין שהם יהודים המאמינים על באמונה שלמה באלוהיה ובין שהם נכרים. כי בתמימות לבה ידעה והכירה במאמר חז״ל שיש לצדיקי אומות העולם חלק בעולם הבא.

חיי אושר דתיים חיינו. כל חג וסימניו, כל חג ימנהגיו, כל חג ישמחתו וזכרונו. הטוב שבעולם הזה נברא אך ידק לכבוד החגים והמועדים. משקרא אבי את המגלה, במטבח המלא ריחות אזני המן ו„נונט״ ממתק מסרתי במשפחתנו לכבוד פורים — ורעש שעין העלי והמכתש, ירושת דורות, שהכינו בשמענו את שם המן הרשע יוצא מפי אבי — ועד קריאת ההגדה בליל סדר הראשון של פסח,, התכוננו לקראת המאורע החשוב ההוא. בפנת המטבח הניחה אמא את חבית מי הסלק — ובחדר הילדים ערמות, ערמות שמלית חדשות לחמש בנותיה. ובכל הבית דיח משכר של בית מנקה לכבוד זמן חרותינו. ובשעה שאבא והאחים חזרו מבית הכנסת, ברכת „גוט יום טוב״ מלאה את חלל האויר. בחרדת כבוד הסתכלנו אל אבא, בלבשו את הקיטל הלבן, תפארת מעשי ידי אמא, ובקחתו את שק המצות (מצה טאש בלע״ז), שתפרה אמי לאבא לפני חמשים שנה למתנתה לו לאידוסם. שק קסמים היה — של סמיט ארגמן, עם שלשה כיסים לבנים, ועליו רקום „לדוד לייב״, וכל מיני שושנים יפרחים בצבעי צבעים רקומים עליו. ואבא סדר בשקידה את הצלחת, בעיינו בהגדה הגדולה הישנה המונחת לפניו — ובנגון משונה היה מונה יסופר את כל צרכי הצלחת ימפרש אותם כדי שאנו הבנים נשמע ונבין ינדע למה ועל שום מה הביצה־המרור והפסח. עד חצות ספרנו על יציאת מצרים. נרדמתי והתעודדתי לראות את אליהו הנביא נכנס בעצמו וכבודו ובמו עיני ראיתיו שותה מכוסו של אליהו!

אהבה רבה אהבו הורי את עם ישראל, ואת ארץ ישראל על אחת כמה וכמה. בט״ו בשבט, בחזרי מבית הספר העברי מצאתי את מגדני הארץ על השלחן, תפוזים, צמוקים, תנאים וביחוד חרובים. טעם גן עדן טעמנו בחרובים היבשים הללו — הלא באו ישר מארץ הקדושה — כך הוגד לנו — וברכנו „שהחיינו״ באכלנו מתנובת הארץ. זוכרת אני היטב את הבקר הבהיר שבו הביא נושא הדאר את הצריד הראשון מארץ ישראל למשפחתנו. במקרה יהי היום ערב פסח — ובו בצדור שתי תבות ממתקים, כשרים לפסח אבל לא להודי שנהגו חומרה בכל מה שנוגע בפסח. וכל אותו השבוע השארנו את התבות מינחות על המדף. ומדי בקר בבקר משתי את התבות ובאחרון של חג, זמן שוהגים קילא בדיני פסח, הבאנו את הצדור לבית הכנסת. ואחרי התפלה חלקנו לכל המתפללים חתיכת ממתק. שיקולד מר־מתוך, שיקולד מוקסם, שוקילד מעולם אחד, תשורה קטנטנת מארצנו. והיום, כעבור כשלושים שנה מאותו ערב פסח, עודני שומרת את תיבת „חברת ליבר, תל־אביב״ המתנה הראשונה הממשית שקבלתי מארץ אבותי.

אף־על־פי שהיו הורי מגזע החסידים וידעו על בוריו את הפתגם „כל המלמד את בתו תורה כאלו מלמד תפילות״ אף על פי כן הכניסו אותי לבית ספר עברי מדרנו משוכלל, במורד העיר. וכשהמצב הכלכלי במשפחתנו הוטב והעתקנו לבית פרטי חדש בברונקס — באותו היום טרם שסודרו החדרים הוליכה אותי אמי מת״ת לת״ת יממורה פרטי למורה פרטי, משטיבל לשטיבל, לחפש מורה הגון לבתה. תהתה על קנקן כל מורה ימורה ולא מצאה אף אחד שישביע את רצונו ושוב החזירה אותי למורד

יחצי, קטנה, צנומה ופחדנית, הוכרחתי לנסוע כשעתיים ביום בתחתית המזוהמה בכדי שאוכל למלאת את כרסי תורה, כי לכך נוצרתי.

אלה הם זכרונות ימי ילדות — געגועי לימים עברו — ירושת אבותי.

ואני, שאינני נועזת לבקש מאלוהי חסדים פרטיים, לו רק יכולתי לשאל שאלה אחת קטנה, לא למעני חס וחלילה, אלא למען כבוד שמו, הייתי מתפללת ומתחננת לפני הקב״ה שיתן לי ארך ימים. לו יכולתי לחיות עוד חמשים שנה לזכות לראות — איזה ירושה הנחלנו אנו — הדור הזה, דור ראשון לגאולה — לזרענו ולטפינו אחרינו! איזו נחלה השארנו אנו אחרינו! הגם בנינו

# בטלאי השחור על קירות בית אבי

(נר לנשמות הקדושים הי״ד)

מאת **הרב עקיבא אגוזי**

טלאי שחור היה על כתל בית אָבי —
מזכרת חרבן העם והדביר,
לא סידו לא לבנו אֲבי,
שחור נשאַר בזוית הקיר.

ועת הסכלתי בשחרות הטלאי
שמעתי איליה: „איכה ישבה בדד העיר״ . . .
ויתגל הפצע, ויתעורר הדוי —
זוהר שמי האפיל והשחיר.

והקינה־אלמת הרבננו הספיד
ותהום נשמתי הקדיח, הסעיר,
„אם אשכחך ירושלים״ . . . העיד
כל אבן, נדבך וגרגיר.

אַל תשכח! אַל תבגד!
— טלאי השחור תבע והפציר;
נשבעתי ברטט קדש וביקד
להכפיל: לזכור ולהזכיר . . .

כטלא השחור על קירות בית אָבי —
מצבת חרבן העם והדביר, —
כתם־אבל על דפנות לבבי
עד־תוגה לתבערה הטבטון הבעיר.

אבלי ומרודי ויגוני הזועם
מהלתי בכל רנן ובחרוזי השיר;
להרעד נפשות, לבבות להרעם,
להעצב רוח־גיל, להרעל רך־אויר.

וגחלים אַחתם מכבשן השטן,
ולהבים ממוקדי הכליון אַדביר;
להאיר נתיב לקדשי המשכן . . .
בענן וערפל, ביום סגריר.

ועת נפשו בעצב ובצער טובלת:
זכור! אַל תשכחו! . . . אַזהיר;
וממעון הדמעות אשאַבה תוחלת
ליום נקם ושלום — יום־בהיר. . . .

# KOSHER FOR PASSOVER

THESE FLAVORS ONLY

HOUSE OF COTT

- Black Cherry Punch
- Sparkling Club Soda
- California Orange
- Extra Dry Ginger Ale
- Black Raspberry Soda
- Cream Soda




QUALITY BEVERAGES




# BROWNELL & FIELD CO.

PROVIDENCE, RHODE ISLAND

# פראָווידענסער פּסח בלאַט

אַרויסגעגעבן אין די אינטערעסן פון דער הסתדרות אין ישראל

29־טער יאַר־גאַנג, תשט"ו | פּראָווידענס, ראָוד־אײלענד | פּרייז — 15 סענט



**יוסף שפּרינצאַק**
דער דערפאָלגרייכער יושב־ראש פון כנסת

## פּסח (זמן חרותנו)

פּסח איז דער גרעסטער אידישער יום־טוב — דער יום־טוב פון דער גאולה.
פּסח איז דער ערשטער אידישער יום־טוב, און ניט נאָר דער ערשטער, נאָר דער שענ־סטער פון אַלע אידישע יום־טובים; דאַרום ווערט ער געפּייערט פון אַלע שיכטן איבער דער גאָרער וועלט.
פּסח איז דער אידישער פאַמיליען יום־טוב, וועלכער פאַראייניגט אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה בײַ איין טיש, און ס'פּילט זיך אַ אמת־אידישע יום־טובדיקע שטימונג.
פּסח איז דער נאַציאָנאַלער אידישער יום־טוב, דער יום־טוב פון באַפרייאונג; דאַרום האָט ער שטענדיק צוגעגעבן האָפענונג, מוט, קאַר־ראַזש, וועלכעס האָט מעגליך געמאַכט די איצטיקע באַפרייאונג. און ווען מיר זאָגן היינט־צו־טאָג איבער דער גאָרער וועלט, „לשנה הבאה בירושלים", האָבן די ווערטער באַקומען אַ ממשותדיקן אינהאַלט, און ווערט געפּייערט מיט אַ פאַרגרעסערטער שמחה.

— א. ב.